שלום-עליכם

מנחם-מענדל

МЕНАХЕМ-МЕНДЛ

Повесть в письмах

Ко второму изданию

Впервые напечатано в 1909 году в юбилейном издании Собрания сочинений, посвященном двадцатипятилетию литературной деятельности Шолом-Алейхема.

Стр. 7. *Егупец.* — Так называется Киев в произведениях Шолом-Алейхема.

Стр. 8. *Ханука* — иудейский праздник, справляется ежегодно в течение восьми дней месяца кислев (соответствует декабрю) в память освящения Иерусалимского храма и освобождения Иудеи от греческого владычества во II в. до н. э.

«Лондон»

Одесская биржа

Впервые напечатано в небольшом выпуске «Колмевасер цу дер Юдишер фолкс-библиотек» («Вестник Еврейской народной библиотеки»), изданном Шолом-Алейхемом в 1892 году в Одессе.

КО ВТОРОМУ ИЗДАНИЮ

Менахем-Мендл — не герой романа и вообще личность не выдуманная. Это человек обыденный, заурядный, с которым автор лично и близко знаком. Он вместе с ним прошел лет двадцать жизненного пути. Встретившись в 1892 году на одесской «малой бирже», мы потом рука об руку проделали все семь кругов ада на бирже в Егупце *, «шли» с ним вместе в Петербург и Варшаву, пережили множество кризисов, кидались от одной профессии к другой, но — увы! — нигде счастья не нашли и вынуждены были в конце концов, по примеру многих, эмигрировать в Америку. Там, говорят, евреям неплохо... Об этом можно будет судить по дальнейшим его письмам из Америки.

А пока суд да дело, я собрал все письма, которые он на протяжении восемнадцати лет писал своей жене Шейне-Шейндл в разное время и печатал в разных местах, так же как и письма его жены к нему, и составил из них книгу, чуть ли не письмовник.

Да и в самом деле письмовник. В нем шесть разделов; при этом я имел в виду следующее: если купец пожелает написать письмо своей жене, скажем, из Одессы, — пусть ищет образец в первой книге — «Лондон». Биржевой спекулянт, торгующий всякого рода акциями и тому подобным товаром, найдет образчик письма во второй книге — «Бумажки» или же в третьей — «Миллионы». Маклер, сват или агент пусть ищут дальше. Словом, каждый найдет здесь свое.

А так как еврейские дела, по милости божьей, повсюду одинаковы, то есть начинаются они как будто бы совсем неплохо и сулят золотые горы, а кончаются в большинстве случаев крахом, как у моего Менахем-Мендла, то над составлением письма нет нужды особенно трудиться. Его можно взять прямо из книги таким, как оно есть. А если найдется один из тысячи, у которого дела идут хорошо, то он может быть уверен, что это ненадолго. Все, что висит в воздухе и держится на ветру, должно в конце концов рухнуть! Это, конечно, не особенно приятно, но зато правда, а ведь правду все люди любят...

Готовя второе издание писем, я многие из них сильно сократил, а многие и вовсе выбросил. Потеряли при этом только наборщики, больше никто. Автор этой книги считает, что произведение, чем оно короче, тем лучше. Кто находит, что книга и сейчас длинновата, может быть уверен, что при дальнейших изданиях она с каждым разом будет становиться все короче и короче, пока не приблизится к идеалу: «С молчанием этого не сравнить...»

Шолом-Алейхем

*Нерви (Италия), канун праздника хануки *.*

1909

אַדעסער בערזע

געשריבן אין יאָר 1892

—I—

מנחם־מענדל פון אַדעס צו זײַן װײַב שײנע־שײנדל אין קאַסרילעװקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שינע־שינדל שתחי׳[1].

ראשית, באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד הערן אײנס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית, זײַ װיסן, אַז איך בין גאָר ניט אין שטאַנד דיר צו באַשרײַבן די שטאָט אַדעס, װי גרױס און שײן זי איז, און די מענטשן, די היגע, מיט זײערע גוטע כאַראַקטערן, און די גאָלדענע געשעפֿטן, װאָס מע קאָן דאָ מאַכן. שטעל דיר פֿאָר, איך גײ מיר אַרױס מיטן שטעקל אין גרעצק אַרײַן, אַזױ הײסט דאָ, אין אַדעס, די גאַס װוּ ייִדן האַנדלען, האָב איך צװאַנציק טױזנט געשעפֿטלעך; װיל איך װײץ — איז װײץ, קלײַען — איז קלײַען, װאָל — איז װאָל, מעל, זאַלץ, פֿעדערן, ראָזשינקעס, זעק, הערינג — הכלל, װאָס אַ מױל קאָן אױסרײדן, געפֿינסט דו דאָ, אין דעם אַדעס. איך האָב לכתחילה אַפֿילו אָנגעשמעקט אַ צװײ־דרײַ גוטע געשעפֿטלעך, נאָר עס איז מיר אַלץ ניט געװען צום האַרצן. האָב איך מיך אַזױ לאַנג אַרומגעדרײט אין גרעצק, ביז איך האָב מיך פֿאַרט צוגעשלאָגן צו עפּעס רעכטס, הײַנו: איך האַנדל מיט לאָנדאָן און פֿאַרדין דערבײַ גאָר נישקשהדיק! מע כאַפּט אַ מאָל אַ כף־הײער[2], אַ מאָל אַ פֿופֿציקער און אַ מאָל, אַז עס גערעט, אַ הונדערטער אױך. הכלל, דאָס „לאָנדאָן"[3] איז אַזאַ מסחר, װאָס מע קאָן דערבײַ גליקלעך װערן אין אײן טאָג. אָט איז ניט לאַנג אַרױסגעקומען אַהער אײנער, עפּעס אַ שמש, און האָט געכאַפּט אין אײן שמע ישראל דרײַסיק טױזנט, און האַרצט זיך הײַנט אַלעמען װי דעם קאָטער. איך זאָג דיר, זוגתי היקרה, ממש עס װאַלגערט זיך דאָ גאָלד אין די גאַסן! איך האָב, ברוך השם, קײן חרטה ניט, װאָס איך בין אַראָפּגעפֿאָרן אַהער, קײן אַדעס. װעסט דו דאָך פֿרעגן: װי קום איך קײן אַדעס, אַז געפֿאָרן בין איך גאָר קײן קעשענעװ? אַ פּנים, אַז ס׳איז מיר באַשערט פֿון גאָט, איך זאָל פֿאַרדינען גראָבע עטלעכע קערבלעך! אָט װעסט דו הערן, װי אַזױ דער אײבערשטער פֿירט מיט אַ מענטשן.

אַז איך בין געקומען קײן קעשענעװ צום פֿעטער מנשה אָפּנעמען דאָס נדן, פֿרעגט ער מיך: װאָס באַדאַרף איך דאָס נדן? זאָג איך: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל ניט דאַרפֿן, װאָלט איך ניט קומען. זאָגט ער, אַז קײן מזומן געלט האָט ער איצט ניט; ער קאָן מיר, זאָגט ער, געבן אַן אָנװײַזונג צו בראָדסקין קײן יעהופּעץ. זאָג איך: לאָז זײַן קײן יעהופּעץ, אַבי געלט. זאָגט ער: ער װײסט ניט, צי אין יעהופּעץ איז איצטער דאָ געלט. ער קאָן מיר געבן, זאָגט ער, אַן אָנװײַזונג צו באַכראַכן קײן װאַרשע. זאָג איך: לאָז זײַן קײן װאַרשע, אַבי געלט. זאָגט ער: װאָס טױג דיר װאַרשע? װאַרשע איז װײַט. אױב איך װיל, קאָן ער מיר געבן, זאָגט ער, אַן אָנװײַזונג צו באַראַבאַשן קײן אַדעס. זאָג איך: לאָז זײַן אַדעס, אַבי געלט. זאָגט ער מיר נאָך אַ מאָל: אױף װאָס דאַרפֿסט דו אַזױ געלט? זאָג איך אים: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל ניט דאַרפֿן, װאָלט איך ניט קומען. בקיצור, ער דרײט זיך אַהין־אַהער, עס האָט אים אָבער געהאָלפֿן װי אַ טױטן באַנקעס; איך, אַז איך זאָג געלט, איז געלט! גײט ער און נעמט־אַרױס צװײ װעקסעלעך צו ת״ק[4] קערבלעך אױף סך־הכל פֿינף חדשים, און אױף ש״ן[5] קערבלעך גיט ער מיר אַן אָנװײַזונג צו באַראַבאַשן קײן אַדעס, און דאָס איבעריקע גיט ער מיר מזומן — װעט מיר זײַן, זאָגט ער, צו שטײַער אױף דער הוצאה. און מחמת איך האָב קײן צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריװ װעל איך דיר אַרױסשרײַבן אַלצדינג באַריכות. זײַ געזונט און לאָז גריסן שװער און שװיגער און די קינדערלעך, זאָלן לעבן, איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

ОДЕССКАЯ БИРЖА

I

*Менахем Мендл из Одессы — своей жене Шейне-Шейндл в Касриловку **

Моей дорогой, благочестивой и благоразумной супруге Шейне-Шейндл, да здравствует она!

Во первых, уведомляю тебя, что я, благодарение богу, пребываю в полном здравии и благополучии. Дай бог и в дальнейшем получать друг от друга только радостные и утешительные вести. Аминь!

А во-вторых, да будет тебе известно, что я просто не в состоянии описать тебе город Одессу, его величие и красоту, его жителей с их чудесными характерами, а также блестящие дела, которые здесь можно делать.

Представь себе, стоит мне выйти с тросточкой на Греческую (так в Одессе называется улица, где заключаются всякие сделки) — и у меня двадцать тысяч дел! Хочу пшеницу — пожалуйста! Отруби? — Отруби! Шерсть? — Шерсть! Мука, соль, перья, изюм, мешки, селедки, — в общем, все, что ни назови, можно найти в этой Одессе! Я поначалу наметил было два-три дельца, но они мне пришлись не по душе. И я шатался по Греческой до тех пор, пока не наткнулся на настоящее дело. А именно? Я торгую «Лондоном»* и зарабатываю на этом совсем неплохо! Иной раз четвертной перепадет, иной раз полсотни, а при удаче — так и вся сотня. Словом, «Лондон» — это такое дело, которое может человека осчастливить в один день. Вот недавно приехал сюда какой-то синагогальной служка, хапнул одним махом тридцать тысяч, и теперь ему сам черт не брат! Говорю тебе, жена моя дорогая, золото здесь на улицах валяется! Я, упаси бог, не раскаиваюсь, что съездил в Одессу. Но ты, пожалуй, спросишь, как я попал в Одессу, — ведь я совсем ехал в Кишинев? Суждено мне, видать, свыше нажить добрых несколько рублей! Вот послушай, как господь бог направляет человека.

Когда я приехал в Кишинев к дяде Менаше за приданым, он меня спрашивает: зачем оно мне нужно?

— Стало быть, нужно! Не надо было бы, я бы не приезжал.

Тогда он мне говорит, что наличных у него сейчас нет, он может дать распоряжение к Бродскому * в Егупец.

— Пускай будет Егупец! Лишь бы деньги!

А он говорит, что не знает, есть ли сейчас в Егупце деньги. Он может дать мне письмо к Бахраху в Варшаву.

— Пускай будет Варшава, — отвечаю, — лишь бы деньги!

Тогда он говорит:

— Зачем тебе Варшава? Варшава далеко. Если я хочу, он даст мне бумагу к Барабашу в Одессу.

— Пускай будет Одесса! — говорю я. — Лишь бы деньги!

— На что тебе так понадобились деньги? — спрашивает он опять.

— Стало быть, нужны! — повторил я — Не надо было бы, я бы не приехал.

Короче говоря, изворачивался он, как мог, но помогло это ему, как мертвому банки: раз я сказал: «Деньги!» — значит, деньги!

Тогда он достал два векселя по пятьсот рублей сроком всего на пять месяцев, на триста рублей дал письмо к Барабашу в Одессу, а остальные наличными: это, говорит он, будет мне на расходы.

Так как мне сейчас некогда, то пишу тебе вкратце. Даст бог, в следующем письме напишу обо всем подробно. Будь здорова, кланяйся от меня тестю, и теще, и деткам, чтоб здоровы были, и каждому в отдельности.

Твой супруг Менахем-Мендл.

Главное забыл! Когда я пришел с денежным письмом к Барабашу, мне говорят, что никакое это не письмо! А что же это? На вербе груши! Пускай, говорят они,

עיקר שכחתי. אַז איך בין געקומען מיט דער אַנווייַזונג צו באַר־באַשן, זאָגט מען מיר, אַז די אַנווייַזונג איז נישט קיין אַנווייַזונג. וואָס דען איז עס? ס'איז אַ סוכּה־שער! לאָז פֿריִער אָנקומען, זאָגן זיי, פֿון אײַער פֿעטער מנשה דער וואַגאָן ווייץ און לאָז מען אָקערשט די ווייץ פֿאַרקויפֿן, וועט מען אײַך דעמאָלט געבן געלט. אַ שיינע מעשׂה, נאָר אַ קורצע! האָב איך באַלד אָוועקגעשריבן קיין קעשענעוו אַן אָטקריט־קע [6] און האָב אים געשריבן, אַז טאָמער שיקט ער ניט אַרויס תּיכּף ומיד די ווייץ, וועל איך אים קלאַפּן אַ דעפּעש [7]. בקיצור, אַ שרייַב אַהער, אַ שרייַב אַהין — איך בין אַרומגעגאַנגען אין איינע יסורים. און ערשט נעכטן איז מיר אָנגעקומען פֿון קעשענעוו אַ מזומנער הונ־דערטער און אויף רי"ש קערבלעך אַ וועקסעלע. אַצינד פֿאַרשטייסט דו שוין, פֿאַר וואָס איך האָב דיר די גאַנצע צײַט ניט געשריבן? איך האָב גערעכנט, אַז די שי"ן קערבלעך זײַנען לעזאזל. דערפֿון זעט מען אַרויס, אַז אַ מענטש טאָר ניט איבערטראַכטן אויפֿן ערגסטן. ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס פֿירט־אויס. איך האָב דאָס גאַנצע ביסל מזומנס אַרײַנגעבראַקט אין „לאָנדאָן" אַרײַן, אײַנגע־האַנדלט אַ רעמל סחורה, האָסלעך און בעסלעך [8], און דאַנקען השם יתברך — מע זאָגט, אַז ס'איז שוין דאָ ריווח!

הנ"ל [9]

— II —

שיינע־שיינדל פֿון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אָדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפֿורסם החכם מופֿלג מוהר"ר

מנחם־מענדל נ"י [10].

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, אַז עס האָט זיך מיר ווידער אָנגערופֿן די אַמאָלעדיקע ספּאַזמע, אויף דײַן פֿעטער מנשה געזאָגט געוואָרן, וואָס האָט דיר געמאַכט אַזאַ שיינעם מחק פֿון די פֿופֿצן הונדערט קערבלעך נדן, אַזאַ יאָר, אַזאַ מזל! ווי זאָגט די מאַמע מײַנע זאָל לעבן: „געשיקט דורך דער קאַץ שלח־מנות"... וועקסעלעך וואָלט איך בײַ אים נעמען! קרענק וואָלט איך בײַ אים נעמען! קדחת אויף פֿינף חדשים! הערסט דו, הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, נאָר כ'האָב מורא, דו וועסט די איבעריקע קערבלעך נישט אָנקוקן, ווי די קוקסט ניט אָן די אויערן דײַנע, וואָס דו האָסט זיי פֿאַרטראָגן אַזש אַהין קיין אָדעס. דײַן גליק, וואָס די מאַמע ווייסט ניט פֿון קיין וועקסעלעך; עס וואָלט זיך געטאָן חושך! און דאָס, מענדל, וואָס דו שרײַבסט, אַז דו פֿאַרדינסט, דאַנקען גאָט, געלט, איז בײַ אונדז אַלעמען אַוודאי

[8] (פֿר': haut, bas) אַקציעס וואָס גייען־אַרויף, אַנדערע — אַראָפּ. — [9] (ראָשי־תיבות) הנזכר למעלה, אויבן דערמאָנטער. — [10] מורנו ורבינו הרב רבי... נרו יאיר. (ווען אַ צדיק רעדט מען אַזוי).

זייער אָנגעלייגט. נאָר וואָס דען? האָב דיר אַכציק שוואַרצע יאָר, מײַנע שונאים, אַז דו שרײַבסט שוין יאָ, שרײַב זשע ווי אַ מענטש: פֿאַר וואָס זאָלסט דו ניט אַרויסשרײַבן אַקוראַט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין סחורה אָט דאָס, וואָס דו האַנדלסט מיט דעם? ווי טײַער ליזט מען דאָס אַן אַרשין? צי אפֿשר פֿאַרקויפֿט זיך עס אויף דער וואָג? פֿרעג מיך בחרם וואָס דאָס איז און מיט וואָס מע עסט דאָס! הײַנט פֿאַרשטיי איך ניט, דו זאָגסט, אַז אָט האָסט דו אײַנגעקויפֿט סחורה, און אָט איז שוין דאָ ריווח.. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין סחורה, וואָס וואַקסט בײַ דיר אַזוי געשמעיהדיק? פּעטשעריצעס [11], זאָגט די מאַמע, באַדאַרפֿן אויך אַ רעגן!... און אַז ס'איז דאָ ריווח, פֿאַר וואָס פֿאַר־קויפֿסט דו ניט? אויף וואָס וואַרטסטו? אויף אַ יקרות? און פֿאַר וואָס שרײַבסט דו ניט, ווו דו שטייסט־אײַן און וואָס עסט דו? עפּעס גלײַך ווי איך וואָלט דיר זײַן אַ פֿרעמדע, ניט קיין ווײַב ביז הונ־דערט צוואַנציק יאָר, נאָר עפּעס אַ פּאָליובאָווניצע [12] להבדיל... ווי־

раньше прибудет от вашего дяди Менаше вагон пшеницы, и пускай эта пшеница будет продана, вот тогда вам дадут деньги. Интересная история! Я тут же написал дяде Менаше в Кишинев открытку, что, если он не вышлет немедленно пшеницу, я ему телеграфирую! Словом, пиши туда, пиши сюда — ходил я по Одессе сам не свой. И только вчера прибыли из Кишинева сто рублей наличными и на двести рублей вексель. Теперь ты понимаешь, почему я тебе все это время не писал? Я считал, что эти триста рублей пропали! Отсюда следует, что человек никогда не должен отчаиваться. Есть на свете бог, он правду видит. Все наличные я всадил в «Лондон», купил комплект «госов» и «бесов» *, и — благодарение богу, — говорят, что есть уже прибыль!

Тот же.

II

Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу * Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

А во-вторых, пишу я тебе, что меня снова мучает давнишняя спазма, такую бы самую твоему дяде Менаше, который так ловко зажилил эти полторы тысячи целковых приданого! Такую бы ему жизнь! Такое счастье! Моя мать, дай ей бог здоровья, говорит: «Послали кота по сметану!» Векселя я бы у него брала? А хворобу он не хочет? Лихоманку на пять месяцев! Слушай, Мендл, дай бог мне соврать, но боюсь, что остальных денег ты не увидишь, как ушей своих, которые занесло аж в Одессу. Твое счастье, что мама ничего не знает об этих векселях: несдобровать бы тебе! А то, что ты пишешь о твоих заработках, всем нам, конечно, это очень приятно. Но — тысяча чертей тебе! Почему бы не написать по-человечески, что это за товар такой, которым ты торгуешь? Почем аршин? Или его продают на вес? Откуда мне знать, что это такое и с чем это едят? И еще одного я не понимаю: вот, ты говоришь, купил товар и вот уже имеешь прибыль? Что же это за товар, который растет в цене, как на дрожжах? «Мухоморы, — говорит моя мама, — и те без дождя не растут!» А если товар и в самом деле вздорожал, почему же ты его не продашь? Чего ты ждешь? Чтоб к нему и подступу не было?

А почему ты не пишешь, где остановился, как столуешься? Как будто я тебе чужая, не жена до ста двадцати лет, а какая-нибудь полюбовница поганая! Как мать говорит: «Уйдет корова в стадо, так «до свидания» не скажет!»

Послушал бы ты меня, Мендл, расторговался бы поскорее, собрал бы наличные и приехал бы домой. Найдешь здесь более приличное дело, чем вот это самое... Знать бы мне так лихорадку, как я знаю, что это такое!

И будь здоров, как желает тебе от всего сердца твоя истинно преданная супруга *Шейне-Шейндл.*

Стр. 9. ***Касриловка*** **— вымышленное Шолом-Алейхемом название глухого местечка в так называемой «черте оседлости» в царской России.**

«Лондон» **— здесь: валюта и ценные бумаги, которыми спекулировали на бирже.**

Стр. 10. ***Бродский*** **— крупный капиталист на Украине, владелец сахарных заводов.**

זאגט די מאמע, זאל לעבן! „אז א קו גייט־אוועק אין טשערעדע, פארגעסט זי דעם זײַ געזונט", מיר דאכט, דו זאלסט מיך וועלן פאלגן, וואלסטו געזען אויסהאנדלען זיך וואס גיכער און קומען בעסער אהיים מיטן ביסל מזומנס, וועסט דו דיר געפינען שענערע געשעפטן ווי אט דאס דאזיקע... איך זאל אזוי וויסן פון קדחת, ווי איך ווייס ווי מע רופט עס! און זײַ געזונט, ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן הארצן

דײַן באמת געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל

— III —

מנחם־מענדל פון אדעס צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין קאסרילעווקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שינע־שינדל שתחי'.

ראשית, באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הערן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית, זײַ וויסן, אז עס איז מיר קיין חידוש ניט, וואס דו פארשטייסט ניט דעם שכל פון לאנדאן, ווארעם אז ווי באלד יידן סוחרים, יידן מיט בערד, ווייסן ניט ווער עס האט זיי געשלייערט, הײַנט לא כל־שכן א יידענע! על כן וועל איך דיר קלאר מאכן, זאלסט פארשטיין דאס געשעפט אקוראט. הנה, זײַ וויסן, אז דאס לאנדאן גופא איז אן אידעלע מאטעריע. פארקויפן פארקויפט זיך עס אויפןווארט, און זען זעט מען דאס ניט. אלע מינוט בײַט זיך עס: אט איז דאס טײַער, אט איז דאס וואלוול, אט איז האס, אט איז בעס, דאס הייסט, דאס קערבל דארט אין בערלין אדער עס הייבט זיך אדער עס פאלט. עס ווענדט זיך אין בערלין: ווי אזוי בערלין זאגט, אזוי איז דאס. עס לויפן די קורסן אויף און אפ משוגענערווײַז. עס פליען דעפעשן אהין און צוריק און יידן לויפן־ארום ווי אויף א יאריד, מאכן געשעפטן און ווערן גליקלעך, און איך אויך בתוכם. עס איז א טומל, א בהלה. מע קאן דא פארדולט ווערן. אט, למשל, האב איך נעכטן געמאכט א סטאלאזש [13]. מיר געקאסט א פופציקער. איז ער הײַנט אין דער פרי, פונקט זייגער צוועלף, אויסגערונען געווארן. נאר דו ווייסט דאך ניט מסתמא, וואס הייסט מאכן א סטאלאזש — באדארף מען דיר געבן צו פארשטיין. למשל, מע גיט אוועק א פופציקער פאר א טאג, און יענער „שטעלט א קורס", קאנסט דו דיר מאכן פונעם סטאלאזש „צוויי זײַטן", הײַנו: צוויי בעסן אדער צוויי האסן, אדער גאר בלײַבן שטיין און פארקויפן יענעם א „בלינדערעכט" ביז נאך „שלוס" (שלוס הייסט בײַ אונדז אין אדעס פאר נאכט, ווי בײַ אײַך בין מנחה למעריב). איז ווי באלד דער קורס „שטייט־אפ", איז כפרה דער גאנצער פופציקער — הייסט דאס געמאכט א סטאלאזש. זאלסט אבער נאר קיין יסורים ניט האבן, זוגתי היקרה! דער־לייגן א פופציקער איז דא פון די קלייניקייטן. השם יתברך וועט העלפן, עס וועט „אוועקגיין די רעכטע זײַט", וועל איך, אם ירצה השם, פארדינען געלט, און א סך! און וואס דו זאגסט מכוח דעם פעטער מנשהס וועקסעלעך, האסט דו א גרויסן טעות. דער גוטער יאר האט אים ניט גענומען, ער איז נאך א שיינער בטוח! לאם איך נאר וועלן אראפגעבן א סקידקעלע [14], קאן איך זיי פארצוקערן. נאר איך וויל נישט. איך זאל דארפן געלט, האב איך געניג: איך קאן פארהאנדלען א פאר האסלעך אדער א פאר בעסלעך. נאר איך בין קיין בעלן ניט דערויף. איך קאן באשטיין בעסער צו קויפן נאך א סטאלאזש. וואס מער סטאלאזשן, איז אלץ בעסער. אז מען לייגט זיך שלאפן מיט א סטאלאזש, שלאפט זיך גאר אנדערש! און מחמת איך האב קיין צײַט ניט, מאך איך דאס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אנדערן בריוו וועל איך דיר ארויסשרײַבן אלצדינג באריכות. לעת־עתה לאז גאט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדל

Стр. 11. *«Госы»* — ценные бумаги, на которые в данный момент цена повысилась. *«Бесы»* — ценные бумаги, на которые в данный момент цена упала.

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу... — По традиции того времени, все письма начинались формальным стереотипным обращением, полным самых лестных эпитетов, возвеличивающих адресата независимо от фактического отношения к нему пишущего и содержания самого письма.

III

Менахем-Мендл из Одессы — своей жене Шейне-Шейндл в Касриловку

Моей дорогой, благочестивой и благоразумной супруге Шейне-Шейндл, да здравствует она! Со всеми домочадцами!

Во-первых, уведомляю тебя, что я, благодарение богу, пребываю в полном здравии и благополучии. Дай бог и в дальнейшем получать друг от друга только радостные и утешительные вести. Аминь!

А во-вторых, да будет тебе известно: меня нисколько не удивляет, что ты не понимаешь, в чем смысл «Лондона». Коль скоро опытные купцы, бородачи, об этом понятия не имеют, так где уж тут разобраться женщине? Поэтому я все объясню, чтобы ты поняла, в чем тут дело.

Надо сказать, что «Лондон» — материя тонкая. Продают его только на словах, а видеть никто его не видит. И каждую минуту он то дорожает, то дешевеет. То — «гос», то — «бес». Это значит, что рубль в Берлине то повышается, то понижается. Все зависит от Берлина: как Берлин скажет, так и будет! Курсы прыгают вверх и вниз, как сумасшедшие, депеши летят туда и сюда, а люди носятся, как на ярмарке, делают дела, получают прибыль, а среди них и я. Шум, суета — одуреть можно! Вот, например, вчера я сделал «стеллаж» *, стоил он мне полсотни, а сегодня утром, ровно в двенадцать часов, от моей полсотни и следа не осталось!

Но ты, наверное, не знаешь, что значит «сделать стеллаж» — надо тебе это объяснить. Дают, к примеру, полсотни за день, а тот «ставит курс». Ты можешь сделать из этого «стеллажа» «две стороны»: то есть два «беса» или два «госа», а то и просто остановиться и продать другому «втемную» до «закрытия» (так у нас в Одессе называется предвечернее время, как у вас, скажем, сумерки). И вот если курс «отстает», то полетели твои пятьдесят рублей. Вот это значит «сделать стеллаж».

Но только ты не огорчайся, дорогая моя жена! Потерять полсотни — по здешним делам сущие пустяки! Бог поможет, пойдет «правой стороной», и я заработаю деньги, много денег! А насчет того, что ты пишешь о векселях дяди Менаше, то ты ошибаешься. Черт его еще не взял, он еще пользуется доверием! Если бы я уступил хоть немного, у меня бы эти векселя с руками оторвали! Но я не желаю. Если понадобятся деньги, я лучше продам парочку «госов» или «бесов». Но мне и это сейчас ни к чему. Я лучше куплю еще один «стеллаж». Чем больше «стеллажей», тем лучше! Ляжешь спать со «стеллажом», так и спится по-другому!

Так как я сейчас очень тороплюсь, то пишу тебе вкратце. Бог даст, в следующем письме напишу обо всем подробно. Пока дай бог здоровья и удачи.

Твой супруг *Менахем-Мендл.*

עיקר שכחתי. וואָס דו פרעגסט מיך, וווּ איך שטיי־אײַן און וואָס איך עס, שרײַב איך דיר, זוגתי היקרה, איך ווייס אַליין ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. די שטאָט אָדעס איז אומגעהייער גרויס, און אַלצדינג קאָסט דאָ טײַער, און די הײַזער זײַנען דאָ הויך ביזן הימל, מע דאַרף קלעטערן אויף אײַזערנע טרעפּ אַ האַלבע שעה, ביז מע קומט אַהיים, אַזש אונטערן הימל. און אַ פענצטערל איז אַ קליינס, ווי אין טורמע. איך בין זיך מחיה, אַז ס'ווערט טאָג און איך קאָן מיך אַרויסכאַפּן פון דער טורמע אַהין אין גרעצק אַרײַן, און דאָרטן טאַקע עס איך שטייענדיק, דאָס הייסט, מע כאַפּט־איבער וואָס גאָט גיט. וואָרעם ווער האָט צײַט זיך אָוועקזעצן עסן, אַז מע דאַרף אַלע מינוט געוווּיר ווערן די קורסן פון בערלין? דערפאַר איז דאָ פרוכטן בזיל הזול[15]. ווײַנטרויבן עסט מען דאָ נישט ווי בײַ אײַך אין קאַסרילעווקע ראש־השנה אויף שהחיינו — דאָ עסט מען ווײַנטרויבן אַלע טאָג און אין מיטן גאַס, מע שעמט זיך גאָר ניט.

הנ"ל

— IV —

שיינע־שיינדל פון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אָדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדל נ"י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, אַז איך האָב דיך אָנגעקוקט טאַקע נאַר ווי אַ משוגענעם! לאָם[16] איך אַזוי וויסן, אויף אַ פולער וואָך ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, פון דער שטאָט אָדעס, ווי איך הייב אַפילו אָן צו וויסן, וואָס דו פּלאַפּלסט מיר אין דעם בריוו „העס" און „באָס" און „דעלעזשאַנס"[17], דער שוואַרצער יאָר ווייסט אײַך דאָרטן! עס פליִען בײַ דיר פּופּציקערס ווי האַלעשקעס[18], עפּעס איז בײַ דיר דאָרטן געלט — שמעלט, הפקר ציבעלעס! אוודאי קאָן מען גיין אין גאָלד בײַ אַזעלכע פּרנסות! איך פאַרשטיי ניט, כאָטש נעם מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין סחורה, וואָס מע זעט עס ניט? אַ קאַץ אין אַ זאַק!?... הערסט דו, מענדל? מיר געפעלט דאָס ניט. איך בין בײַ מײַן טאַטן נישט געפּרוווט געוואָרן צו אַזעלכע לופטיקע פּרנסות. לאָז מיך גאָט היטן אויף ווײַטער אויך. ווי זאָגט די מאַמע, זאָל לעבן? פון לופט כאַפּט מען אַ פאַרקילונג... דו שרײַבסט: „אַז מע לייגט זיך שלאָפן מיט אַ דעלעזשאַנס, שלאָפט זיך גאָר בעסער"... ווער לייגט זיך עס שלאָפן מיט אַ דעלעזשאַנס? עפּעס מאָדנע דיבורים, טערקיש לשון! און וואָס דו שרײַבסט מיר, אַז דו קאָנסט פאַרצוקערן דעם פעטער מנשהס וועקסעלעך, איז טאָמער וועל איך אין דעם ניט גלייבן, וועל איך אויך ניט זײַן קיין אַפּיקורסטע, ווי די מאַמע זאָגט: „גלייב נישט ביז דו ציילסט ניט איבער"... ווייסט דו וואָס, מענדל? פאָלג מיך, אַ ווײַב, טו אַ שפּײַ אויף דעם אָדעס און קום בעסער צו פאָרן אַהיים, קיין קאַסרילעווקע. ...פצן הונדערט קערבלעך האָסט דו, אַ דירה גיט אונדז דער טאַטע, זאָל לעבן, קלייטן פאַרדינגען זיך, הײַנט וואָס פעלט דיר נאָך? צו וואָס באַדאַרף איך ליגן בײַ יענעם אין מויל און שונאים זאָלן מורמלען, אַז דו האָסט זיך אָוועקגעלאָזט קיין אָדעס און מיך האָסט דו אוועקגעוואָרפן, ניט דערלעבן זאָלסט דו דאָס! דערווײַל מעג נאָך דײַן אָדעס זײַן די כפּרה פאַר אונדזער קאַסרילעווקע מיט אַלע דײַנע הויכע מויערן מיט די אײַזערנע טרעפּ, וואָס מע דאַרף זיך דראַפּען אויף זיי משוגענערווײַז! טאַקע כדאי צוליב דעם זיך קאַליע

...לאָמיר. — [17] (דילוזשאַנס) פּאָסטוואָגן (שיינע־שיינדל צעדרייט אַלע שווערע ווערטער, וואָס מ"מ שרייבט איר). — [18] קליסקעס, גראָבע לאָקשן.

Главное забыл! Ты спрашиваешь, где я остановился и что ем? Так пишу тебе, жена моя, что я и сам не знаю, на каком я свете. Одесса — огромный город, все здесь очень дорого, дома высоченные — до небес, полчаса надо карабкаться по железным лестницам, пока доберешься до своего пристанища под самым небом. Окошечко крошечное, как в тюрьме. Я просто оживаю, когда наступает день и можно вырваться из этой тюрьмы туда, на Греческую. И вот там, на ходу то есть, и перекусишь, что бог пошлет, потому что — кто это может усесться кушать, когда надо поминутно узнавать, каковы курсы в Берлине! Зато фрукты здесь нипочем. Виноград едят, не как у нас в Касриловке в Новый год, только чтобы сотворить молитву над ним, — здесь его едят каждый день, на улице, без всякого стеснения.

Тот же.

IV

Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

А во-вторых, пишу я тебе, что смотрю я на тебя, как на сумасшедшего! Знать бы мне так твою Одессу, не к ночи будь помянута, как я понимаю, что ты такое болтаешь в твоем письме: «гос», «бес», «дилижанс»... Черт вас там ведает! Летят у тебя полусотенные, как галушки, — там у вас, видать, и деньги не деньги, трын-трава! Конечно, в золоте можно ходить при таких делах! Не понимаю, хоть ты мне голову сними, что это за товар, которого никто не видит? Кот в мешке!..

Слышишь, Мендл, не нравится мне все это! Я у отца своего не приучена к такого рода воздушным заработкам, упаси меня бог от них и в дальнейшем! Как моя мама говорит: «На воздухе и простудиться недолго...» Ты пишешь: «С дилижансом и спится по-другому...» Кто это спит с дилижансом? По-каковски ты говоришь? По-турецки, что ли? А насчет того, что ты пишешь, будто векселя дяди Менаше у тебя с руками оторвут, то, если я в это и не поверю, большого греха не будет. Правильно мать говорит: «Не верь, пока не пересчитаешь...» Знаешь что, Мендл? Послушай меня, жену, — плюнь ты на Одессу и приезжай лучше домой, в Касриловку. Полторы тысячи у тебя есть, квартиру дает нам отец, лавки в аренду сдаются, — чего тебе еще не хватает? Зачем нужно, чтобы люди перемывали мои косточки, чтобы враги болтали, будто ты удрал в Одессу, а меня бросил, — не дожить тебе до этого! Скапутиться за нашу Касриловку может твоя Одесса со всеми твоими домищами с железными лестницами, по которым надо карабкаться, как одурелому! Очень стоит ради этого портить себе желудок!

מאכן דעם מאגן — וואס איז? ס'איז א זול אויף ווײַנטרויבן! ווײַנטרויבן דארף מען פרעסן? פלוימען איז ביטער? ס'איז בײַ אונדז הײַנט א גערעטעניש אויף פלוימען, א גילדן אן עמער! נאר עס גייט דיר שטארק אן, וואס בײַ אונדז אין דער היים טוט זיך. דו פרעגסט אפילו ניט אויף די קינדער, וואס זיי מאכן. האסט שוין גאר פארגעסן, אז דו ביסט א טאטע פון דרײַ קינדערלעך, זאלן געזונט זײַן! ווי זאגט די מאמע? דאלי אטשע, דאלי סערדצע[19]... אזא מכה זאל זיך דיר זעצן, ווי זי איז גערעכט! דערווײַלע בלײַב געזונט און פיל גליקלעך, ווי עס ווינטשט דיר

דײַן באמת געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל

— V —

מנחם־מענדל פון אדעס צו זײַן ווײַב שיינע־שיינדל אין קאסרילעווקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ראשית, באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הארכן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית, זאלסטו וויסן, אז עס גייט אצינד א מוראדיקער בעס, האב איך מיך אנגעקויפט מיט לאנדאן ווי א פויק און איך האב מיך באווארנט מיט זיבעצן בעסן און מיט אכט סטאלאזשן. הײַנט באדארף איך אפנעמען דיפערענצן עטלעכע הונדערט קערבלעך, וועל איך, אם ירצה השם, ווײַטער מאכן בעסן. זאלסט אנקוקן, זוגתי היקרה, ווי אזוי עס ווערן דא געמאכט געשעפטן אויפן ווארט, וואלסט דו פארשטאנען, וואס הייסט אדעס. א שאקל מיטן קאפ איז דא פונקט ווי געמאכט א קאנטראקט. איך גיי מיר ארויס אין גרעצק, קום־ארײַן אין א קאפיי, זעץ מיך אנידער בײַ א טישל און שאף מיר א גלעזל טיי צי קאפיי צי עפעס אנדערש. קומט צו גיין איין מעקלער, דער אנדערער, דער דריטער. מע דארף נישט האבן נישט קיין קאנטראקט, נישט קיין קוויטל, קיין אײַנגעטונקענע פען אפילו! יעדער מעקלער האט בײַ זיך א ביכעלע מיט א שטיפטל, נעמט ער ארויס דאס ביכעלע און פארשרײַבט, אז איך האב בײַ אים צוויי בעסן, און איך נעם־ארויס און צאל אים אפ די עטלעכע קערבלעך — מחיה! און שפעטער מיט א פאר שעה, אז גאט הייסט, מע ווערט געוווירד דאס טאקסירעכץ[20] פון בערלין, קומט צו לויפן טאקע דער אייגענער מעקלער און גיט שוין א פינף און צוואנציקער פון אויבן. שפעטער, אז מע ווייסט שוין אנפאנג[21] אויך, שטופט ער א פופציקער. און אז גאט וויל צו שלום[22], וואקסט־אן א גאנצער הונדערטער. און א מאל דרײַ הונדערט אויך. פאר וואס ניט? דערויף איז דאך עס א בערזע! א בערזע איז א שפיל, א גליקזאך. און וואס דו שרײַבסט מיר, אז דו גלייבסט נישט אינעם פעטער מנשהס וועקסעלעך, קאן איך דיר אנזאגן א בשורה, אז איך האב זיי שוין פארצוקערט. א סימן האסט דו: ווו האב איך גענומען געלט אויף אזוי פיל בעסן מיט אזוי פיל סטאלאזשן? סטאלאזשן איז ניט, ווי דו רופסט עס אן, דעלעזשאנסן. דעלעזשאנסן איז דאס, וואס מע פארט אויף דעם קיין ראדאמישל און קיין זשיטאמיר, און סטאלאזש איז א שטיקל פאפיר, וואס יענער שרײַבט־אן און חתמעט זיך אונטער, אז ס'וועט קומען אולטימא, דאס הייסט, סוף חודש, איז ער מחויב אזוי פיל אין אזוי פיל פונטן צו דעם און דעם קורס דיר געבן און בײַ דיר נעמען. די ברירה, הייסט עס, איז בײַ דיר. וואס דו ווילסט — דאס טוסט דו: ווילסט דו, גיסט דו, ווילסט דו, נעמסט דו. הײַנט פארשטייסט דו שוין דעם שכל פון סטאלאזש? ווען גאט העלפט רעכטע וואריאציעס[23] אויף לאנדאן און מע טוט, למשל, א שמועס אויף די בלעטער מכוח מלחמה, פאלט דאס רוסישע קערבל אראפ אין דער ערד אריין און

[19] Дальше очи, дальше сердце.

[20] באשטימען דעם פרייז פון טאג. — [21] ווי עס איז געווען דער קורס אויף דער בירזשע, ווען זי האט זיך געעפנט.

Подумаешь, виноград дешев! Виноград надо жрать, а сливы чем плохи? У нас нынче урожай на сливы, пятиалтынный — ведро! Но разве тебя интересует, что дома делается? Ты даже не спрашиваешь, как дети поживают. Забыл уже, что ты отец троих деточек, дай им бог здоровья! Недаром мама говорит: «Дальше очи—дальше сердце...» Такую бы тебе болячку, какую правду она говорит!

Пока будь здоров и счастлив, как желает тебе

твоя истинно преданная супруга *Шейне-Шейндл.*

V

Менахем-Мендл из Одессы — своей жене Шейне-Шейндл в Касриловку

Моей дорогой, благочестивой и благоразумной супруге Шейне-Шейндл, да здравствует она!

Во-первых, уведомляю тебя, что я, благодарение богу, пребываю в полном здравии и благополучии. Дай бог и в дальнейшем получать друг о друге только радостные и утешительные вести. Аминь!

А во-вторых, да будет тебе известно, что сейчас пошел невероятный «бес», и я накупил себе «Лондона» целую кучу и обеспечил себя семнадцатью «бесами» и восьмью «стеллажами». Затем я должен получить несколько сот рублей «диференцов», и тогда я, с божьей помощью, сделаю еще немножко «бесов». Посмотрела бы ты, дорогая моя, как тут заключаются сделки на слово, ты поняла бы, что такое Одесса. Простой кивок здесь все равно что контракт. Я выхожу на Греческую, захожу в кафе, сажусь за столик и заказываю стакан чаю, или кофе, или еще там чего-нибудь. Подходит ко мне один маклер, второй, третий... Не надо ни контрактов, ни расписок, ни строчки написанной! У каждого маклера — книжечка и карандашик. Он достает книжечку и записывает, что я имею у него два «беса», а я достаю несколько рублей и плачу ему — удовольствие! А спустя час-другой, если бог захочет, узнают «таксировку» из Берлина, и прибегает тот же маклер и дает тебе четвертной билет чистой прибыли, а потом, когда прибывают еще сведения, он сует тебе полсотни, а к концу дня, если богу угодно, набегает и вся сотня, а иной раз может случиться, что и две, а то и все три... Почему бы и нет? На то и биржа! Биржа — это игра, дело удачи. А насчет того, что ты не веришь в векселя дяди Менаше, то могу тебе сообщить, что я их уже продал, — иначе откуда бы я взял деньги на такое количество «бесов» и «стеллажей»? «Стеллажи» — это не дилижансы, как ты пишешь. Дилижансы — это то, на чем ездят из Радомысля в Житомир, а «стеллаж» — это лист бумаги, на котором кто-нибудь пишет и расписывается в том, что, когда настанет «ультимо», то есть в конце месяца, он обязан столько-то фунтов сверх того или иного курса — либо дать тебе, либо получить с тебя. Так что выбор за тобой, поступай как знаешь: хочешь — давай, хочешь — получай. Теперь ты понимаешь, что такое «стеллаж»? Если бог даст добрые «варьяции» на «Лондон» и в газетах заговорят о войне, русский рубль полетит вниз, а «Лондон» как двинется вверх — ничего кругом узнать нельзя! Вот заговорили на прошлой неделе, будто английской королеве что-то неможется, и тут же русский рубль упал, а «стеллажи» подскочили

דאס לאנדאן טוט זיך מיט א מאל א רוק, אז מע דערקענט נישט דאס פלאץ. אט האט מען געשמועסט יענע וואך פון דער ענגלישער מלכה, אז זי איז עפעס נישט אין בעסטן געזונט, איז באלד געפאלן דאס רוסישע קערבל און סטאלאזשן האבן זיך געגעבן א הייב־אויף העכער הײַזער! איצט שרײַבן די גאזעטן, אז ס'איז איר בעסער, האט זיך דאס רוסישע קערבל אויפגעהויבן און מע קאן שוין קויפן סטאלאזשן וויפל מע וויל. הכלל, זאלסט גאר ניט זארגן, זוגתי היקרה! עס וועט, אם ירצה השם, זײַן אלצדינג, ווי מע זאגט בײַ אונדז אין אדעס, אין בעסטער ארדענונג! און מחמת איך האב קיין צײַט ניט, מאך איך דאס בקיצור. אם ירצה השם, אין די שפעטערדיקע בריוו וועל איך דיר ארויסשרײַבן אלצדינג באריכות. לעת־עתה זאל גאט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. און לאז גריסן די קינדערלעך, זאלן לעבן, און אלעמען גאר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. בײַ אונדז אין אדעס זײַנען די היצן אזוי גרויס, אז מע ווערט פארברענט, און בײַ נאכט ווערט מען צעגאנגען אזוי ווי וואקס. דעריבער, אז סע קומט פאר נאכט, ווערט די שטאט פוסט. דער עולם צעפארט זיך אויף די פאנטאנען, אויפן גרויסן פאנטאן אדער אויפן קליינעם פאנטאן אדער גאר אויפן לאנזשעראן[24]. דארטן קריגסט דו וואס דו ווילסט, וואס דײַן הארץ גלוסט, און קאנסט זיך באדן אין ים, און קאנסט הערן מוזיק, און דווקא אומזיסט, אן א גראשן געלט!

הנ״ל

— VI —

שיינע־שיינדל פון קאסרילעווקע צו איר מאן מנחם־מענדל אין אדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זײַנען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, אז איך האב שוין ווידער צו טאן מיט די ציין, אויף דײַנע אדעסער דראנזשיקעס[25] געזאגט געווארן. איך דארף זיך רײַסן דא אויף די ציין און מוטשען מיט די קינדער זײַנע, און ער — גאר ניט, לעבט זיך אפ, ווי גאט אין אדעס, פארט־ארום רײַטנדיק אויף דראנזשיקעס, באדט זיך אין קאראטקי וויק[26] און בלי־זמר שפילן אים צו. וואס פעלט אים, א שטייגער? ווי זאגט די מאמע: „רײַטנדיק וואלט ער געפארן בײַ מיר אויף א בעזעם, ניט אויף קיין דראנזשיקעס!“... ממה נפשך, ביסט דו א סוחר און האנדלסט מיט דער שיינער סחורה דארטן, וואס מע רופט זי לאנדאן, טא האב אין זינען מסחר, ניט די ענגלישע מלכה. האב בעסער אין זינען דײַן ווײַב האסט א ווײַב ביז הונדערט צוואנציק יאר מיט קינדערלעך דרײַ, זאלן געזונט זײַן. ווי זאגט די מאמע: „האב אין זינען זיך, וועסט דו פארגעסן אין יענעם“... און וואס דו שרײַבסט מיר פון דײַנע גליקן, זאג איך דיר דעם אמת, עס דרייט זיך מיר אוש דער קאפ! עס גלייבט זיך מיר עפעס ניט, כאטש קוילע מיך, אז אט אזוי פליען דאס הונדערטערס גלײַך אין די הענט ארײַן! וואס איז דאס פאר א מין כישוף דארטן, א פארבלענדעניש צי וואס? זע נאר, אז פון די אלע גדולות זאלסט דו חלילה דאס נדן־געלט נישט אנרירן, ווארעם טאמער ווערט געמינערט א גראשן פונעם נדן, וועט דיר דעמאלט מער נישט אפגיין פון דער מאמען, זאל לעבן!... ער זאל זיך עס אפילו דערמאנען! מיר דאכט, דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך באדארף האבן א זײַדן מענטעלע[27] ווי אין לעבן ארײַן, און וואלנס אויף א קלייד, און א צוויי שטיקלעך מאראזעווס זאנע[28]. א מינדסטע נארישקייט באדארף איך אים אנזאגן. אליין ווייסט ער נעבעך ניט, דער מוח איז אים אויסגעדארט געווארן, ווי די מאמע זאגט: „ווער סע שטויסט זיך ניט אליין, דעם גיט מען אין זײַט ארײַן“... ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן הארצן

דײַן באמת געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל

выше домов! Теперь в газетах пишут, что королева поправилась, — и русский рубль поднялся в цене, и уже можно покупать «стеллажи», сколько душе угодно. Словом, не беспокойся, дорогая моя, все, бог даст, будет, как у нас в Одессе говорят, «в наилучшем порядке»! Но так как у меня сейчас нет времени, то пишу тебе кратко. Даст бог, в следующем письме я напишу тебе обо всем подробно. Пока дай бог здоровья и удачи. Кланяйся сердечно деткам и всем остальным.

Твой супруг *Менахем-Мендл.*

Главное забыл! У нас в Одессе страшная жара,— изжариться можно, да и по ночам таешь как воск. Поэтому, как только наступает вечер, город пустеет. Народ разъезжается на Фонтаны — на Большой Фонтан или на Малый Фонтан, а то и вовсе на «Ланджерон». Там имеется все, что душе угодно, можно купаться в море, можно слушать музыку — и все это бесплатно, без копейки денег!

Тот же.

VI

Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

А во-вторых, пишу я тебе, что я уже опять вожусь с зубами, дай бог твоим одесским «дронжикам»! Я здесь лезу на стенку от зубной боли, мучаюсь с его детьми, а ему хоть бы что! Живет себе, как господь бог, в Одессе, катается верхом на «дронжиках», купается в море, и музыка ему подыгрывает. Чего ему еще не хватает? Как моя мама говорит: «На метле бы он у меня верхом разъезжал, а не на дронжиках!» Одно из двух: если ты купец и торгуешь этим замечательным товаром, который называется «Лондон», то думай о торговле, а не об английской королеве. Думай лучше о своей жене. У тебя есть жена — до ста двадцати лет, и трое деток, дай им бог здоровья. Моя мама говорит: «Думай о себе, тогда забудешь о других...» А что касается твоих счастливых дел, то скажу тебе правду, у меня от них голова кругом идет! Не верю, хоть режь меня, что сотни так и летят прямо в руки! Что это, колдовство такое, наваждение, что ли? Смотри, как бы ты на радостях не тронул приданое. Имей в виду, если хоть один грош убудет из приданого, достанется тебе от матери!.. Хоть бы вспомнил! Ведь ты знаешь, что мне до зарезу нужна шелковая мантилья, шерсть на платье, два куска морозовского батиста. Всякую глупость я должна ему напоминать, — сам он, бедняга, ничего не знает, мозги у него высохли. Не зря моя мама говорит: «Кто сам не догадается, того в бок толкают». Как желает тебе от всего сердца

твоя истинно преданная супруга *Шейне-Шейндл.*

מנחם־מענדל פון אדעס צו זײַן װײַב שײנע־שײנדל אין קאַסרילעװקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שינע־שינדל שתחי׳.

ראשית, באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד האָרכן אײנס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית, זײַ װיסן, אַז איך האַלט שױן װײַט, הײַנו, איך האָב מיך גוט אַרײַנגעכאַפּט אין בעס אַרײַן און גײ שױן אַצינד מיט פֿײַסט־לאַנדאָן, דאָס הײסט, איך טו שױן אַ גיב אָדער אַ נעם מיט אַ מאָל צען טױזנט פֿונט, צװאַנציק טױזנט פֿונט, נאַטירלעך, מיט אַ דעפּאָ [29]. איך האָב שױן גרױס קענטשאַפֿט אין די קאָנטאָרן, און עס קאָמפּעניִרט [30] מיר שױן זיצן בײַ פֿאַנקאָני אין דער קאַפֿײ גלײַך מיט אַלע גרױסע שפּעגעלאַנטן [31] בײַ װײַסע טישלעך פֿון מירמל־שטײן, און הײס זיך געבן אַ פּאָרציע מאָראָזשענע [32], מחמת בײַ אונדז אין אדעס איז אַ מנהג, װי באַלד מע זעצט זיך נאָר אַנידער, אַזױ קומט צו אַ מענטש מיט אַ פֿראַק און הײסט, מע זאָל הײסן געבן מאָראָזשענע. קאָן מען ניט זײַן קײן דבֿר־אַחר און מע מוז הײסן געבן. און אַז מע עסט אױף די פּאָרציע מאָראָזשענע, הײסט ער, מע זאָל הײסן געבן נאָך אַ פּאָרציע. אַז ניט, טאָר מען ניט זיצן און מע באַדאַרף זיך אַרומדרײען אױף דער גאַס. איז עפּעס ניט שײן פֿאַר אַ שפּעגעלאַנט און אַגבֿ שטײט דאָרט אַ גאָראָדאָװאָי [33], און לאָקערט, מע זאָל זיך ניט אַרומדרײען אױף דער גאַס... ייִדן באַדאַרפֿן דאָך אָבער זיך יאָ אַרומדרײען, קליגן זײ זיך מיט אים, נאַרן אים אָפּ, אַנטלױפֿן, באַהאַלטן זיך אױס װי װײַט מעגלעך. אַז ער כאַפּט אײ־נעם, טראָגט ער אים אָפּ, װי אַן אבֿן טובֿ, גלײַך אין אוטשאַסטאָק [34] אַרײַן, װי אײנער רעדט: „אָט האָב איך אײַך געבראַכט אַ ייִדן“... און װאָס דו שרײַבסט מיר, אַז דו גלײבסט ניט אין גרױסע װאַריאַציעס מיט דיפֿערענצן, איז אַ סימן, אַז דו ביסט שװאַך אין פּאָליטיקע. אָט, למשל, זיצט אײנער בײַ אונדז אין קאַפֿײ, בײַ פֿאַנקאָנין, רופֿט מען אים גאַמבעטאַ. טאָג װי נאַכט רעדט ער פֿון פּאָליטיקע און נאָר פֿון פּאָליטיקע! ער באַװײַזט מיט טױזנט ראיות, אַז סע שמעקט מיט מלחמה. ער הערט, זאָגט ער, אַלע נאַכט האַרמאַטן שיסן — ניט דאָ, דאָרטן, בײַ די פֿראַנצױזן. די פֿראַנצױזן, זאָגט ער, װעלן נישט פֿאַר־געסן אָט דעם ביסמאַרקן, װײַל זײ װעלן לעבן! עס מוז, עס מוז, זאָגט ער, אַרױסשפּרינגען אין גיכן אַ מלחמה, עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זײַן! האָרכן גאַמבעטען דרשענען, באַדאַרף מען פֿאַרקױפֿן װאָס מע האָט, די קאַפּאָטע אױסטאָן און קױפֿן סטאַלאַזשן און בעסן, בעסן

29 דעפּאָזיט. — 30 לױנט. — 31 (חוזק־לשון) שפּעקולאַנטן. — 32 אײַז־קרעם. — 33 פּאָליציסט. — 34 פּאָליצײַ־קאָמיסאַריאַט.

— אַן אַ שיעור בעסן! און װאָס דו שרײַבסט מיר מכּוח אַ מענטעלע, אַז איך זאָל דיר קױפֿן, האָב איך פֿון דײַנעט װעגן, זוגתי היקרה, בעסער אױסגעקוקט אַ שענערע זאַך, דהײַנו: אַ זײגערל אַ גילדנס מיט אַ מענדעליאָן [35] און מיט אַ גילדן קײטל מיט אַ בראָש, און בראַנזעליעטן האָב איך געזען אין פֿענצטער, טאַקע ניט װײַט פֿון פֿאַנקאָנין — זאָג איך דיר: פּרימאַ שבפּרימאַ! [36] און מחמת איך האָב קײן צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנ־דערן בריװ װעל איך דיר אַרױסשרײַבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתּה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. די שפֿע איז דאָ, קײן עין־הרע, גרױס און ייִדן זײַנען דאָ אַזױ פֿאַרטאָן אין פּרנסה, אַז מע פֿאַרגעסט פֿון שבת און פֿון יום־טובֿ. פֿאַרשטײט זיך, אַז בײַ מיר איז שבת — שבת. עס מעגן פֿאַלן שטײנער פֿונעם הימל, מוז איך מיך שבת דורכגײן אין שול אַרײַן. די אדעסער שול מעג מען גײן אָנקוקן. ערשטנס, רופֿט

VII

Менахем-Мендл из Одессы — своей жене Шейне-Шейндл в Касриловку

Моей дорогой, благочестивой и благоразумной супруге Шейне-Шейндл, да здравствует она!

Во-первых, уведомляю тебя, что я, благодарение богу, пребываю в полном здравии и благополучии. Дай бог и в дальнейшем получать друг о друге только радостные и утешительные вести. Аминь!

А во-вторых, да будет тебе известно, что я уже далеко пошел, а именно — у меня уже полно «бесов», и я теперь в состоянии дать и взять сразу десять тысяч фунтов, двадцать тысяч фунтов, разумеется, при наличии «депо»... У меня уже крупные знакомства в конторах, и я уже могу себе позволить сидеть у Фанкони в кафе наравне с другими крупными спекулянтами за белыми мраморными столиками и заказывать порцию мороженого, потому что у нас в Одессе такой порядок: чуть присел к столику — к тебе подходит человек во фраке и велит, чтобы приказали подать мороженое. Нельзя же быть свиньей — и поневоле велишь подать. Но не успеешь съесть одну порцию мороженого, как тебе велят потребовать вторую, — иначе тут сидеть нельзя и остается шататься по улице. Дельцу это, конечно, не пристало, да и городовой следит, чтобы на улице зря не околачивались... Но так как людям все-таки нужно быть на улице, то они ловчатся, обманывают городового, прячутся от него как можно дальше... А если он все же поймает кого-нибудь, то тащит его, как драгоценность, прямо в участок: «Вот, мол, я доставил вам еврея...» Ты не веришь в крупные «варьяции» и «диференцы»? Это значит, что ты слаба в политике. Вот, к примеру, сидит у нас в кафе у Фанкони человек, которого прозвали «Гамбетта» *. День и ночь он говорит о политике, и только о политике! Он приводит тысячу доказательств, что пахнет войной. Он слышит, говорит, каждую ночь пушечные выстрелы — не здесь, а у французов. Французы, говорит он, никогда в жизни не простят Бисмарку *. Должна, непременно должна в скором времени вспыхнуть война, иначе и быть не может! Послушать Гамбетту, то нужно продать все, что имеешь, снять с себя последнюю рубаху и покупать «стеллажи» и «бесы» — бесконечное количество!

Ты пишешь мне насчет мантильи... Дорогая моя, я присмотрел для тебя кое-что получше: золотые часики с медальоном и золотой цепочкой, и брошь, и браслеты видел я в окне совсем недалеко от Фанкони... Замечательные вещи! Прима! Но так как я сейчас очень занят, то пишу тебе вкратце. Дай бог, в следующем письме я напишу тебе обо всем подробно. Пока дай бог здоровья и удачи.

Твой супруг *Менахем-Мендл.*

Главное забыл! Сутолока здесь, не сглазить бы, очень велика, и люди так поглощены делами, что забы-

מען דאָס כאָרשול, מחמת אויבן גייט זי מיט אַ קאָלפּעק [37], און קיין מזרח איז ניטאָ. אַלע זיצן מיטן פּנים אַהין. און דער חזן (פּיני הייסט ער, שוין איין מאָל אַ חזן!) גייט דווקא געגאָלט די באָרד. נאָר עבֿרי קען ער אַ ביסל בעסער פון אײַער אַלטן דראָנג משה־דוד! זאָלסט זען אַז סע קומט צו „בריך שמיה דמרא עלמא“, נעמט ער אײַן אַ מיתה־משונה! זײַן „מזמור שיר ליום השבת“ מעג מען האָרכן אויף בילעטן. אַלע זינגערלעך שטייען אויסגעשטעלט אַרום אים, אָנגעטאָן אין קליינע טליתימלעך — מחיה! ס'זאָל זײַן צוויי מאָל אין וואָך שבת, וואָלט איך צוויי מאָל אין וואָך געגאַנגען הערן פּינין דאַוונען. איך פאַרשטיי ניט די היגע ייִדן, פאַר וואָס זיי גייען ניט דאַוונען. און אַפילו די, וואָס גייען דאַוונען, דאַוונען אויך ניט; זיי זיצן ווי די

טאָקן [38] אין די צילינדערס, מיט די פעטע אויסגעפּאַשעטע פּנימער, מיט די קליינע טליתימלעך, און — שאַ! טאָמער וויל אַ ייִד אַ דאַוון טאָן אַ ביסל העכער, קומט־צו צו אים דער שמש מיט די קנעפּ און זאָגט, ס'זאָל זײַן שטיל. — מאָדנע ייִדן אין דעם אַדעס!

הנ״ל

— VIII —

שיינע־שיינדל פון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אַדעס

לכבֿוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר

מנחם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך פאַרשטיי ניט, וואָס איז די גדולה, וואָס מע דאַרף זיצן בײַ פראַנקאָנין. ברענען זאָל ער בײַ די מירמלשטיינערנע טישלעך פרעסן פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט דער רוח ווייסט וואָס? אַבי אויסברענגען געלט? און וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגענער דאָרטן בײַ אײַך אין אַדעס, וואָס סע חלומט זיך אים, אַז מע שיסט? געשאָסן זאָל ער ווערן פון גאָט! מלחמות גלוסט זיך אים! ווי זאָגט די מאַמע? „יענעמס בלוט איז בײַ אים וואַסער“... גילדענע זייגערלעך מיט בראַנזשעליעטן האָסט דו דערזען אין די פענצטער אין אַדעס? אַ גדולה אויף דער באָבע! וואָס טויגן מיר דײַנע מתנות, מענדל, וואָס דו זעסט זיי דורכן פענצטער? ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן: „קרעפּלעך אין חלום איז ניט קיין קרעפּלעך, נאָר אַ חלום“... דו כאַפּ זיך אַרײַן בעסער אין אַ קלייט

[38] גטאָקסטע, געשניצטע.

אַרײַן און קויף מיר אַ שטיקל ווערבל [39] אויף וועש, און מאַדעפּאָלאַן [40] אויף ציכלעך, און אַ פּאָר בײַענע [41] קאָלדרעס, און אַ ביסל זילבער אין שטוב אַרײַן, און עפּעס נאָך. מאָל דיר, אַז בליומע־זלאַטע באַדאַרף זיך שוין אָקעגן מיר בלאָזן (אויפבלאָזן זאָל עס זי, ווי אַ פּאַכיר [42]!). וואָס איז? זי טראָגט אַ האַלדזפּערל? זאָל עס איר טאַקע נאָר פאַרשטערט ווערן! זי האָט דאָס אַ דאָליע בײַ איר מאַן! לײַט האָבן גליק צו אַלצדינג; נאָר איך איינע בין עפּעס אין אַזאַ פינצטערער, וויסטער שעה געבוירן געוואָרן, אַז אַ מינדסטע זאַך באַדאַרף איך אים דערמאָנען! לאָז זיך דיר דאַכטן, עלעהיי דו האָסט געקויפט נאָך אַ העס מיט נאָך אַ באָס, מיט נאָך אַ דער שוואַרץ יאָר ווייסט אײַך דאָרט, ווי דו רופסט עס אָן! איך זאָג אים: פאַרקויף דאָס, וואָס דו האָסט, און צייל געלט! גייט ער און קויפט נאָך! וואָס האָסט דו מוראַ? וועסט ניט קריגן די סחורה נאָך דעם? איך זע שוין אַרויס, וואָס דאָס איז פאַר מסחרים און וואָס דאָס איז פאַר אַ שטאָט אַדעס, אַז שבת איז קיין שבת ניט און יום־טובֿ איז קיין יום־טובֿ ניט, און דער חזן איז מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, מײַנע ווייטיקן אויף זײַן קאָפּ! מיר דאַכט, אַז פון אַזאַ שטאָט און פון אַזעלכע מענטשן דאַרף

вают о субботе и о празднике. Для меня, конечно, суббота — это суббота! Хоть бы камни с неба валились, я в субботу непременно иду в синагогу. Одесскую синагогу стоит посмотреть! Во-первых, она называется «хоральной», потому что потолок у нее колпаком, а особой восточной стены там нет *. Все сидят лицом к востоку. А кантор * (его зовут Пине; ну и кантор!) хоть и бреет бороду *, но молитвы знает получше вашего старого верзилы Мойше-Довида! Ты бы видела, что он вытворяет, когда доходит до молитвы «Да будет благословенно имя владыки вселенной!». «Хвалебную песнь субботе» можно по билетам слушать! Вокруг кантора стоят певчие в маленьких талесах * — красота! Если бы суббота была дважды в неделю, я бы дважды в неделю ходил слушать Пине. Не понимаю я здешних евреев, почему они не ходят молиться? И даже те, что ходят, не молятся. Сидят, как намалеванные, в цилиндрах, с жирными холеными рожами, в маленьких талесах и молчат. А если кому-нибудь захочется помолиться чуть погромче, к нему подходит служка с пуговицами и говорит, чтоб тихо было. Странные в Одессе евреи!

Тот же.

VIII

Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

А во-вторых, пишу я тебе, дорогой мой муж, что я не понимаю, с какой такой радости надо сидеть у Фанкони — сгореть бы ей! — за мраморным столиком и жрать с утра до ночи черт знает что! Лишь бы деньги тратить? И что это у вас там, в Одессе, за сумасшедший, которому снится, что стреляют, чтоб его самого застрелило! Войны ему захотелось! Как моя мама говорит: «Чужая кровь что вода!» Золотые часики с браслетами ты увидал в одесских магазинах? Нашел, чему радоваться! Что мне, Мендл, от твоих подарков, которые ты видишь за стеклом? Моя мама говорит: «Вареники во сне — это не вареники, а только сон...» Ты лучше зайди в магазин и купи мне кусок полотна на белье, и мадаполаму на наволочки, и пару байковых одеял, и немного серебра для дома, и еще кое-чего. Представь себе, даже Блюма-Злата — чтоб ее пузырем раздуло! — и та уже куражится передо мной. Почему? Она, видишь ли, носит нитку жемчуга, чтоб ее задушило! Вот кому доля замужем! Людям везет во всем. Одна я родилась в такой злополучный час, что должна каждую мелочь мужу напоминать! Пусть тебе кажется, что ты купил еще один «гос», или «бес», или черт его знает, как это там у вас называется! Я говорю ему: продай, что имеешь, и сосчитай деньги, а он покупает еще! Чего ты боишься? Не достанешь потом этого товара? Я уже понимаю, что это за торговля и что за город твоя Одесса, когда суббота —

מען לויפן ,ווי פון אן עיפוש. צום סוף ליגט ער דארט און וויל ניט ארויסקריכן. ווי זאגט די מאמע? „דער ווארעם ליגט אין כריין און מיינט, אז ס'איז גאר קיין זיסערס נישטא“... לכן שרייב איך דיר, בעלי היקר, זאלסט זיך גוט באַרעכענען וואס דו טוסט און אויפהערן הוליען אין דעם זיסן אדעס. ס'זאל אויף דעם קומען א שריפה, ווי עס ווינטשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע־שיינדל

יא! זאג נאר, מענדל, ווער איז אט די פראנקאני, וואס דו שרייבסט מיר אלץ, אז איר זיצט דארטן טאג ווי נאכט? ס'איז אן ער צי א זי?...

39 געהעב. — 40 חייסצייג. — 41 חאטענער שטאף. — 42 פוכיר, געשווילעכץ, אנגעבלאזן ארס אויפן לייב.

— IX —

מנחם־מענדל פון אדעס צו זיין חיבב שיינע־שיינדל אין קאסרילעווקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי'.

ראשית, באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפן, מע זאל תמיד הארכן איינס פונעם אנדערן נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית, זיי וויסן, אז עס שמעקט שוין מיט גראבע טויזנטער! אז גאט וועט העלפן און דאס אולטימא וועט אפלויפן גלאט, וועל איך מאכן א הויפטרעפער. איך וועל איינקאסירן מיינע אלע דיפערענצן און וועל זיך דורכפארן אהיים און וועל דיך, אם ירצה השם, ארויסנעמען אהער, קיין אדעס. א דירה וועלן מיר דינגען אויף דער רישעליע 43, איינקויפן שיין מעבל און וועלן לעבן, ווי מע לעבט דא ביי אונדז אין אדעס. דערווייל האב איך צו טאן, ניט פאר דיר געדאכט, מיטן מאגן; א פנים, דאס מאראזשענע האט מיר פארשאדט... אז איך קום צו פאנקאני, עס איך שוין ניט קיין מאראזשענע. וואס דען? איך הייס מיר געבן אזא געטראנק, וואס מע ציט דאס דורך א שטרוי; ס'איז אי זיס, אי ביטערלעך, אזוי ווי א מין סאלץ מיט לאקריץ 44, און מע קאן דאס מער ניט פארדייען ווי צוויי, העכסטנס — דריי גלעזער. מוז מען זיך די איבעריקע צייט ארומדרייען אויף דער גאס און האבן צו טאן מיט דעם גאראדאוואי, און דאס איז זייער נישט איינגענעם! ער קוקט שוין אויף מיר פון א צייט, נאר מיט חסד, גאט האט מיך ביז אהער אויסגעפירט. איך אנטלויף פון אים אלע מאל 45 און באהאלט זיך אויס. וואס טוט דען ניט א ייד צוליב פרנסה? דער אייבערשטער זאל העלפן, אז די רעאליזאציע 46 זאל אפלויפן בשלום,

43 אן ארעסער הויפטגאס. — 44 זיסקייט וואס נודעס. — 45 פון העמען אנטלויפט ערז פון פאליציסטז פון גאטז. — 46 פארקויף, ליקווידאציע.

וועל איך דיר, אם ירצה השם, אלצדינג קויפן בכפל־כפלים, א סך מער ווי דו קאנסט זיך גאר פארשטעלן. און וואס דו זאגסט, אז דער גאמבעטע איז א משוגענער, האסט דו א טעות; ער איז נאר א ביסל א ספילשלעווער 47. גאט זאל היטן, עמעצער זאל אים א זאג טאן אין פאליטיקע ניט אזוי ווי ער וויל! ער איז דעמאלט קאפאבל 48 יענעם צערייסן אויף שטיקלעך! ער דרינגט, אז היינט־מארגן מוז עפעס ארויסשפרינגען. און דאס, זאגט ער, וואס ס'איז איצטער מיט א מאל שטיל געווארן, איז ערשט א באווייז, זאגט ער, אויף מלחמה. „פאר א בורע 49 איז תמיד, זאגט ער, שטיל“... איך האב נעכטן געקאנט פארקויפן עטלעכע בעסלעך מיט א צוויי־דריי סטאלאזשן און פארדינען שיין געלט, האט מיך גאמבעטע נישט דערלאזט. „איך וועל אייך — זאגט ער — דעם קאפ צעשלאגן, טאמער לאזט איר ארויס אין אזא צייט א שטיקל סחורה פון דער האנט!“ עס גייט — זאגט ער

не суббота, и праздник — не праздник, и кантор ходит с бритой мордой, — мои бы болячки на его голову! Мне кажется, из такого города и от таких людей бежать надо, как от поганой ямы, а он там завяз и вылезать не хочет. Как моя мама говорит: «Забрался червяк в хрен и думает, что слаще ничего и нету...» Поэтому и пишу тебе, дорогой мой муж, подумай хорошенько, что ты делаешь, и перестань проводить время в замечательной твоей Одессе, — пусть она сгорит, — как желает тебе

твоя истинно преданная супруга *Шейне-Шейндл.*

Да! Скажи мне, Мендл, вот эта «Фанкони», о которой ты пишешь, что вы там просиживаете дни и ночи, — кто это такая, это «он» или «она»?..

IX

Менахем Мендл из Одессы — своей жене Шейне-Шейндл в Касриловку

Моей дорогой, благочестивой и благоразумной супруге Шейне-Шейндл, да здравствует она!

Во-первых, уведомляю тебя, что я, благодарение богу, пребываю в полном здравии и благополучии. Дай бог и в дальнейшем иметь друг о друге только радостные и утешительные вести. Аминь!

А во-вторых, да будет тебе известно, что пахнет уже крупными тысячами! Если бог даст и «ультимо» пройдет благополучно, то в моих руках главный выигрыш! Заинкассирую все свои «диференцы», съезжу домой и возьму тебя, с божьей помощью, сюда, в Одессу. Квартиру снимем на «Ришелье», купим хорошую мебель и заживем так, как живут у нас в Одессе. Но пока я, не про тебя будь сказано, вожусь с желудком: видно, мороженое мне повредило... Теперь, когда прихожу к Фанкони, я мороженого не ем. Я велю подать себе напиток, который тянут через соломинку. Это и сладко и горьковато, вроде лакричного порошка с солью... Больше двух, в крайнем случае — трех стаканов этого напитка одолеть невозможно. А все остальное время приходится таскаться по улице и иметь дело с городовым. А это очень неприятно! Уж он давно ко мне присматривается, но до сих пор господь бог миловал: я каждый раз удираю от него и прячусь. Чего не делают ради заработка! Только бы реализация прошла благополучно, — тогда я, с божьей помощью, куплю тебе все, что пожелаешь, и гораздо больше, чем ты можешь себе представить. А насчет Гамбетты ты ошибаешься: вовсе он не сумасшедший, он только малость вспыльчив. Упаси бог сказать ему что-нибудь о политике не так, как ему нравится! Он готов разорвать человека на куски! Он утверждает, что не сегодня-завтра обязательно должно что-то случиться. А то, что сейчас вдруг тихо стало, говорит он, лишний раз доказывает, что война на носу. «Перед бурей, — говорит он, — всегда бывает тихо...» Вчера я мог продать несколько «бесиков» и два-три «стеллажа» и прилично заработать, но Гамбетта не дал мне этого сделать. «Я, говорит, вам голову оторву, если вы в такое время выпустите из рук товар! Наступает такая пора, — говорит он, — когда полусо-

— אַ צײַט, וואָס אַ סטאַלאַזש פֿון אַ פּופּציקער וועט ווערט זײַן רי״ש קאַרבן, און שי״ן, און ת״ק, און טויזנט, און פֿאַר וואָס ניט קיין צוויי טויזנט?... עס זאָל זײַן ווי גאַמבעטע זאָגט, כאָטש האַלב ווי ער זאָגט — ווער איך נתעשר! איך האָף, אַז איך וועל, אים ירצה השם, תּיכּף נאָך דער ראַליזאַציע זיך געבן אַ קער־איבער צוריק אויפֿן האָס און וועל אָנהייבן קויפֿן קערבלעך און געבן לאָנדאָן אויף וואָס די וועלט שטייט! איך וועל זיי באַווײַזן, וואָס הייסט לאָנדאָן און וואָס הייסט קערבלעך! און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרײַבן אַלצדינג באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. וואָס דו פֿרעגסט זיך נאָך אויף פֿאַנקאָנין (ניט ווי דו רופֿסט דאָס אָן „פֿראַנקאָני״), איז דאָס ניט קיין ער און ניט קיין

---

47 וו ספילטשיוועו, היציקער. — 48 פּעיִק, בכוח. — 49 (רוס׳) שטורעם.

זי. ס׳איז אַזאַ קאַפֿיי, וואָס מע טרינקט דאָרט קאַווע און מע עסט מאָראָזשענע, און מע מאַכט געשעפֿטן אויף לאָנדאָן. לאָם איך דאָס פֿאַרמאָגן כאָטש האַלב, וואָס דאָרט ווערט געמאַכט אין איין טאָג!

הנ״ל

— X —

שיינע־שיינדל פֿון קאַסרילעװקע צו איר מאַן מנחם־מענדל אין אַדעס

לכבֿוד בעלי היקר הנגיד המפֿורסם החכם מופֿלג מוהר״ר

מנחם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר זײַנען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט. גיב גאָט דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן אויף ווײַטער ניט ערגער.

צוויטנס, שרײַב איך דיר, אַז די קינדער מאָזלען אַלע דרײַ, און איך שלאָף נישט קיין נעכט, און ער טרינקט דאָרטן קובעבע מיט לאַקריץ! וואָס גייט אים אָפּ, איך בעט אײַך, קאַפּוויטיק? ער האָט זיך עס אַ ביסל צעהעצקעט! קיין אַדעס וויל ער מיך אַרויסנעמען! ער מיינט, אַז ער וועט מיר זאָגן אַדעס, פֿלי איך באַלד! הערסט דו, מענדל, זאָלסט דיר אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ, מענדל, וועסט מיך אַהינצו ניט פֿאַרנאַרן. זײַ רויק! מײַן באָבעס באָבע איז דאָרטן קיין מאָל ניט געווען און איז זיך באַגאַנגען אָן דעם, וועל איך זיך מסתּמא אויך אָן דעם באַגיין. דו וועסט מיר ניט אײַנריידן, מענדל, אַז איך זאָל דיר אַוועקוואַרפֿן מײַן טאַטע־מאַמע מיט אַלע ליבע פֿרײַנד און זיך אַוועקלאָזן אין דעם וויסטן אַדעס, ברענען זאָל עס דיר אויפֿן פֿײַער! מעגסט זיך זאָגן, מענדל, וואָס דו ווילסט, דײַן אַדעס הייבט מיר נישט אָן צו געפֿעלן. איך האָב עס פֿײַנט, איך ווייס ניט פֿאַר וואָס. נאָך מײַן שכל נאָך קומט־אויס, אַז דו באַדאַרפֿסט די סחורה דײַנע ביסלעכווײַז אויספֿאַרקויפֿן און מאַכן דערפֿון געלט. ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבן? פֿון אַלע מילכיקע מאכלים איז דאָס בעסטע — אַ שטיקל פֿלייש... און, וואָס? טאָמער האָסטו זיך גענאַרט? פֿאַר יענעם דאָס גליק! און וואָס דײַן משוגענער גאַמבעטע (איך זאָג דיר פֿאָרט, אַז ער איז אַ משוגענער!) לאָזט דיר ניט פֿאַרקויפֿן, פֿאַרשטיי איך ניט, וואָס גייט עס אים אָן. וואָס איז זײַן באָבעס דאגה? שפּײַ אים אָן אַ פֿול פּנים. וואָס, ער וועט דיר דערציילן מלחמות? פֿאָלג מיר, מענדל,

עטלעכע קערבלעך? גענוג! ביז וואַנעט איז דער שיעור צו כאַליען[50] דאָרטן? נאָר גאָר ניט, מישטיינס געזאָגט, איך האָב דען עפּעס אויך אַ ווערט? איך בין דאָך שיינע־שיינדל, ניט בלומע־זלאַטע; בלומע־זלאַטע, אַז זי טוט נאָר אַ פּיפּס דעם מאַן אירן, האַרפּט דאָס מיט אים

тенный «стеллаж» будет стоить двести рублей, и триста, и четыреста, и даже тысячу, а почему и не две?.. Будь так, как говорит Гамбетта, даже наполовину, — и я разбогател! Надеюсь, что после реализации я поверну обратно на «гос», начну покупать рубли и давать «Лондон» на чем свет стоит! Я покажу им, что такое «Лондон» и что такое рубль! Но так как у меня сейчас нет времени, то пишу тебе кратко. Даст бог, в следующем письме я напишу тебе обо всем подробно.

Пока дай бог здоровья и удачи.

Твой супруг *Менахем-Мендл.*

Главное забыл! Ты спрашиваешь о Фанкони (не «Фанконя», как ты пишешь), то это не «он» и не «она».

Это — кафе, где пьют кофе, едят мороженое и заключают сделки на «Лондон». Дай бог мне хотя бы половину стоимости сделок, которые там заключают за день!

Тот же.

X

Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

А во-вторых, пишу я тебе, что дети болеют корью, все трое; я ночей не сплю, а он там распивает какую-то бурду с лакрицей! Чего ему не хватает, скажите на милость! Головной боли? Ишь ты, как он распрыгался! В Одессу он хочет меня забрать! Думает, только скажет мне: «Одесса», — я туда и полетела! Выбей эту дурь из головы, Мендл, ты меня туда не заманишь! Будь спокоен. Бабка моей бабки никогда там не бывала и обошлась без Одессы, так уж и я как-нибудь обойдусь. Так я тебя и послушалась: брошу отца с матерью и всех родных и помчусь в треклятую Одессу, чтоб она в огне сгорела! Говори что хочешь, Мендл, не нравится мне твоя Одесса. Терпеть ее не могу, сама не знаю за что. По моему разумению, тебе следует распродать помаленьку твой товар и получить деньги. Мама говорит: «Из всех молочных блюд самое лучшее — это кусок мяса!..» А если ты немного и потеряешь, черт с ним, их счастье! Что же касается твоего сумасшедшего Гамбетта (а я все-таки говорю тебе, что он сумасшедший!), который не дает тебе продавать, то я вообще не понимаю, при чем тут он? Какое ему дело? Плюнь ты ему в рожу, если он опять станет морочить тебе голову своими войнами! Послушай меня, Мендл, кончай с этим делом, продай все, ради бога! Заработал несколько целковых? И хватит. Сколько можно торчать в этой Одессе?

Но что говорить? Разве я что-нибудь значу? Ведь я же всего лишь Шейне-Шейндл, я ведь не Блюма-Злата! Блюма-Злата только пикнет на своего мужа, а его уже

דאָס נײַן יעריקע קדחת. למען השם, מענדל סערדצע, פֿאַרקויף און פּאַק זיך אין וועג אַרײַן! פֿאַרגעס נאָר נישט אַ טוץ געשטיקטע העמדער פֿון מײַנעטוועגן, סאַמעט אויף אַ מלבוש פֿון דער מאַמעס וועגן — לאָז זי אויך געדענקען, ווען דער אײדעם איר איז געווען אין אַדעס און געהאַנדלט מיט משוגעים — ציץ אַ שטיקל פֿון הײַנטיקע מוסטערן און, אַז עס וועט קריכן אין טשעמאָדאַן אַרײַן, אַ ביסל גלאָזוואַרג, און דאָס איבעריקע דאָרטן, ווי דו פֿאַרשטייסט, און קום צו פֿאָרן אַהיים. לאָז אויפֿהערן די וועלט מיר שטעכן די אויגן און שוואַרצן דאָס פּנים. און לאָם איך זען, אַז דו זאָלסט מיר ניט פֿאָלגן, אַזאַ מכּה מײַנע שונאים, ווי דו וועסט מיר פֿאָלגן, ווי עס ווינטש דיר פֿון טיפֿן האַרצן

דײַן באמת געטרײַע פֿרוי שיינע־שיינדל

лихоманка трясет! Ради бога, Мендл-сердце, распродай все и собирайся в дорогу! Не забудь только дюжину вышитых сорочек для меня, бархату маме на пальто — пусть и она помнит, что зять ее был в Одессе и торговал с сумасшедшими, — кусок ситца модного рисунка и, если войдет в чемодан, немного стеклянной посуды, а остальное — по твоему усмотрению. И приезжай домой, пусть люди перестанут мне колоть глаза и чернить меня. Попробуй только меня не послушать! Ничего! По-моему сделаешь! Если бы так чирьи на спине у врагов моих, как желает тебе от всего сердца

твоя истинно преданная супруга *Шейне-Шейндл.*

— XI —

מנחם־מענדל פֿון אַדעס צו זײַן װײַב שיינע־שיינדל אין כּתרילעווקע

לזוגתי היקרה הצנועה ההכמה מרת שיינע־שיינדל שתחי׳.

ראשית, באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפֿן, מע זאָל תמיד האָרכן איינס פֿונעם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשׂורות טובֿות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית, זײַ וויסן, אַז דאָס אולטימאָ איז אָנגעקומען און ס׳איז געוואָרן אַן איבערקערעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! פֿון דער גרויסער וואַריאַציע, וואָס איך האָב אויף איר אַרויסגעקוקט ווי אויף משיחן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ביסמאַרק, שמועסט מען, האָט זיך צוגעקילט, באַקומען דעם קאַטער — איז אין דער פּאָליטיקע געוואָרן אַ מהומה. מע ווייסט ניט וואָס מע טוט זיך. לאָנדאָן איז טאַקע געוואָרן מיט גאָלד גלײַך, און דאָס קערבל איז טאַקע געפֿאַלן אין שאול תחתיה אַרײַן, און ס׳איז אַוועק אַ מוראַדיקער בעס! וועסט דו דאָך פֿרעגן: וווּ זײַנען מײַנע בעסן מיט מײַנע סטאַלאַזשן? איז דער תירוץ: די בעסן זײַנען ניט קיין בעסן, די סטאַלאַזשן זײַנען ניט קיין סטאַלאַזשן, קיינער וויל ניט נעמען, קיינער וויל ניט געבן — און רוף מיך קנאַקניסל! און ווי אויף צו להכעיס, האָב איך געשטעקט מיט מײַן סחורה אַלץ בײַ אַזעלכע מענטשלעך, וואָס מיט איין קוועטש זײַנען זיי דערשטיקט געוואָרן. הכּלל, עס איז אַ שׂריפֿה, אַ מגפֿה, גאָר נישט צו דערקענען דאָס פּלאַץ! אוי, ווען איך קער זיך איבער מיט איין טאָג פֿריִער! נו גיי, זײַ אַ נבֿיא! אַלע לויפֿן אַרום ווי די פֿאַרסמטע מײַז; עפּעס אַ מהומה אויף איטלעכן באַזונדער! אַלע שרײַען לאָנדאָן! וווּ איז מײַן לאָנדאָן? גיב מיר דאָס לאָנדאָן! לאָנדאָן, לאָנדאָן! נאָר ווער מיר לאָנדאָן? וואָס מיר לאָנדאָן? עס פֿליִען פּעטש, פֿײַגן, אין טאַטנס טאַטן, און איך אויך בתוכם... דער שפּיץ — ס׳איז אַ פּנים, גאָר נישטאָ קיין לאָנדאָן אין ערגעץ ניט! — הכּלל, זוגתי היקרה, ס׳איז ביטער און פֿינצטער, איך האָב אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע פֿאַרדינסט, מיטן קרן, מיט דער צירונג, וואָס איך האָב דיר אײַנגעקויפֿט, אַפֿילו די קאַפּאָטע די שבתדיקע אויסגעטאָן און פֿאַרזעצט — און דאָס איז אַלצדינג אַרײַן אַהין... און איך געפֿין זיך איצט אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע, וואָס איז אין לשער, און אַהיים בענק איך אַזוי, אַז ממש עס גייט מיר אויס דאָס חיות! איך פֿאַרשעלט מיר דאָס געביין הונדערט מאָל אַ טאָג. בעסער וואָלט איך זיך אויסגעבראָכן אַ פֿוס איידער איך בין געקומען אַהער אין אַדעס, וווּ אַ מענטש האָט קיין שום ווערדע נישט! אַ מענטש קאָן דאָ גייענדיק שטאַרבן אין מיטן גאַס און קיינער וועט זיך אַפֿילו ניט אָפּשטעלן אַ קוק טאָן. וויפֿל מעקלערס האָבן געלעבט אַרום מיר, אָפּגעלעקט אַביינדל, און הײַנט דערקענען זיי מיך שוין גאָר ניט! פֿריִער האָב איך דאָ געהאַט אַ נאָמען דער קאַסרילעווקער בלייכרעדער, און הײַנט מאַכן זיי פֿון מיר חוזק, טאַקע די מעקלערס אַליין. זיי זאָגן, באשר איך פֿאַרשטיי ניט דאָס געשעפֿט. לאָנדאָן, זאָגן זיי, באַדאַרף מען פֿאַרשטיין. ווו

XI

Менахем-Мендл из Одессы — своей жене Шейне-Шейндл в Касриловку

Моей дорогой, благочестивой и благоразумной супруге Шейне-Шейндл, да здравствует она!

Во-первых, уведомляю тебя, что я, благодарение богу, пребываю в полном здравии и благополучии. Дай бог и в дальнейшем иметь друг о друге только радостные и утешительные вести! Аминь!

А во-вторых, да будет тебе известно, что день реализации настал и все пошло кувырком, господи спаси и помилуй! Большая «варьяция», которой я ждал, как мессии, обернулась мыльным пузырем. Бисмарк, говорят, простудился, схватил насморк — и в политике пошла такая суматоха, что никто ничего не понимает! «Лондон» стал действительно на вес золота, но рубль провалился в тартарары, и пошел страшный «бес»! Ты, пожалуй, спросишь, где же мои «бесы» с моими «стеллажами»? Но дело в том, что теперь уже «бесы» не «бесы» и «стеллажи» не «стеллажи», никто не хочет брать, никто не желает давать, вот и поступай как знаешь! И словно назло, я рассовал свой товар таким людишкам, которых чуть прижало, а их уже и раздавило. Словом, горе, чума, все вверх дном! Ах, если бы я изловчился на один день раньше! Но поди будь пророком! Теперь все мечутся, как угорелые, безумие охватило каждого! Все кричат: «Лондон»!», «Где мой «Лондон»?», «Давайте мне «Лондон»!». Но где там «Лондон»? Что там «Лондон»?

Летят оплеухи, мелькают кукиши, родителей поминают, и я тоже, как и все... В общем, нигде, как видно, никакого «Лондона» нет!.. Короче, дорогая моя жена, кругом мрак... Все мои заработки, все приданое, драгоценности, которые я для тебя купил, — все это пошло туда... Даже субботний кафтан пришлось снять и заложить.

Я сейчас в очень печальном положении, даже представить себе трудно, и так скучаю по дому, что вся душа истомилась! Проклинаю себя сто раз на дню! Лучше бы я ногу себе сломал до того, как приехал сюда, в Одессу, где человек ничего не стоит. Здесь можно умереть на улице, и никто даже не оглянется. Сколько маклеров кормилось возле меня, сколько их благодаря мне нажилось, а сейчас они меня даже не узнают! Раньше они меня здесь называли «касриловским Блейхредером» *, а теперь сами же маклеры надо мной издеваются. Они говорят, что я не понимаю дела. «Лондон», говорят они, понимать надо! А где же они раньше были, эти умники!

זיינען זיי געווען פריער, די חכמים? — מע רעדט שוין גאר קיינער ניט פון מיר, גלייך ווי איך וואלט גאר געווען א געשטארבענער! הלוואי וואלט איך טאקע געשטארבן אידער אזעלכעס דערלעבן! און ווי אויף צו להכעיס זיצט אט דער גאמבעטע, ימח שמו זאל ער ווערן, און הערט ניט אויף צו גראגערן אין די אויערן מיט זיין פאליטיקע: „הא, זאגט ער, האב איך אייך געזאגט א בעס?“ — „וואס קומט מיר ארויס, זאג איך, פון אייער בעס, אז מע גיט מיר ניט, זאג איך, קיין לאנדאן?“... לאכט ער און זאגט מיר: „ווער איז אייך שולדיק? די בערזע, זאגט ער, דארף מען פארשטיין, און אז מע קאן ניט האנדלען מיט לאנדאן, דארף מען, זאגט ער, האנדלען מיט אתרוגים“... איך זאג דיר, זוגתי היקרה, ס'איז מיר אזוי נמאס דאס אדעס, מיט דער היגער בערזע, מיט דעם פאנקאני, מיט די אלע מענטשלעך! איך וואלט געלאפן אין דער וועלט אריין! און מחמת איך האב קיין צייט ניט, מאך איך דאס בקיצור. אם ירצה השם, אין די וויטערע בריוו וועל איך דיר ארויסשרייבן אלצדינג באריכות. לעת־עתה לאז גאט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. און גריס די קינדערלעך אלע און שווער און שוויגער גאר פריינדלעך.

ממני בעלך מנחם־מענדל

עיקר שכחתי. דא אין דעם אדעס איז א מנהג, אז עמעצער דארף א גמילות־חסד, גייט ער נישט צו א שכן, צו א קרוב אדער צו א באקאנטן, ווי למשל, ביי אונדז אין קאסרילעווקע, נישט מחמת מע פוילט זיך גיין, נאר פשוט, מע ווייסט פריער, אז יענער וועט ניט שטעקן; מע נתנט ניט — און שוין! וואס זשע טוט מען פארט, אז מע דארף? איז געמאכט געווארן א לאמבארד, וואס גיט ארויס געלט וויפל דו ווילסט, אבי נאר דו ברענגסט א רעכטן משכון: גאלד איז גאלד, זילבער איז זילבער, מעש איז מעש, און א מלבוש, און א סאמאוואר, און א בענקל, און אפילו די בהמה, אז דו ברענגסט צו פירן, גיט מען דיר אויך ארויס אויף איר געלט. דער חסרון איז נאר, וואס זיי שאצן אלצדינג זייער וואלוול, בחצי חינם! דערפאר האבן זיי א מעלה: פריצענט [52] נעמען זיי געשמאקע, בייסנדיקע, אזוי־אז דאס פריצענט עסט־אייף דאס קרן; מוז מען אלע צוויי וואכן מאכן דארט א לעסיטאציע [53], דאס הייסט, מע פארקויפט־אויס די איבער־געבליבענע משכנות, און מענטשן האנדלען מציאות, מאכן דערפון א שיין קערבל. ווען איך בין איצטער ביי געלט, וואלט איך געקאנט א האנדל טאן אייפן לאמבארד און אומקערן מיין היזק אפשר נאך מיט א כמיטשיק... נאר גיי מאך! אן געלט זאל מען גאר ניט געבוירן ווערן אויף דער וועלט, אין טאמער איז מען געבוירן געווארן, זאל מען בעסער שטארבן... איך קאן מער ניט שרייבן. שרייב מיר פון דיין געזונט, און וואס מאכן די קינדערלעך זאלן לעבן, און גריס שווער און שוויגער און אלעמען באזונדער גאר פריינדלעך.

הנ״ל

Обо мне вообще больше не говорят, как если бы я умер! Лучше бы я и в самом деле умер, чем дожить до такого! И как назло, здесь этот Гамбетта, пропади он пропадом, виснет над головой и не перестает трещать на ухо о своей политике: «Ну, не говорил ли я вам, что будет «бес»?» — «Что мне толку от вашего «беса», — спрашиваю я, — когда мне «Лондона» не дают?» А он смеется и говорит: «Кто же вам виноват? Биржу, говорит, понимать надо! А кто не умеет торговать «Лондоном», пусть торгует солеными огурцами...» Говорю тебе, жена моя дорогая, — так опротивела мне Одесса с ее биржей, с Фанкони, со всеми этими людишками! Бежал бы куда глаза глядят! Но так как у меня сейчас нет времени, то пишу тебе кратко. Даст бог, в следующем письме напишу обо всем подробно. Пока дай бог здоровья и удачи. И кланяйся сердечно деткам, и тестю, и теще.

Твой супруг *Менахем-Мендл.*

Главное забыл! Здесь, в Одессе, такой порядок: если кому-нибудь нужно одолжить немного денег, он обращается не к соседу, не к родственнику или к знакомому, как, скажем, у нас в Касриловке. Не потому что лень к ним сходить, нет, — просто каждый знает наперед, что никто с деньгами не сунется: не дают, и дело с концом! Как же быть, если деньги все-таки нужны? Для этого существует «ломбард», который выдает какую угодно ссуду, был бы залог приличный: золото так золото, серебро так серебро! Медь? И медь сойдет, и одежина, и стул. Приведи корову, — тебе и под нее деньги дадут. Беда только в том, что оценивают в ломбарде все чересчур дешево! Зато проценты берут без стеснения, кусачие проценты, так что процент подчас всю ссуду съедает. Вот ломбард и производит каждые две недели «лесицацию», то есть распродажу невыкупленных закладов. Люди покупают вещи по дешевке и неплохо зарабатывают. Будь я при деньгах, я бы тоже этим занялся и вернул себе то, что потерял, да еще с лихвой... Но что поделаешь! Без денег лучше не родиться на свет божий, а уж если родился, то лучше умереть... Не могу я больше писать. Пиши мне о твоем здоровье, как поживают детки, и кланяйся сердечно тестю, и теще, и каждому в отдельности

Тот же.

— XII —

שיינע־שיינדל פון קאסרילעווקע צו איר מאן מנחם־מענדל אין אדעס

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדל נ״י.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאט דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרייב איך דיר, נארישער לעקיש, זע וואס דו האסט געטאן! וועלכער רוח האט דיך געטראגן קיין אדעס? וואס האסט דו דארטן אנגעשמעקט אזעלכעס? געבראטענע פייגעלעך האט זיך אים פארגלוסט! לאנדאן! מאראזשענע! קובעבע מיט לאקריץ! האסט דער־הערט, אז מע זעצט דיר אן אינעם לאנדאן אריין, פאר וואס זשע האסט

XII

Шейне-Шейндл из Касриловки — своему мужу в Одессу

Моему почтенному, дорогому, именитому, мудрому и просвещенному супругу Менахем-Мендлу, да сияет светоч его!

Во-первых, сообщаю тебе, что мы все, слава богу, вполне здоровы. Дай бог и от тебя получать такие же вести в дальнейшем.

דו ניט געזען באַצײַטנס אָפּצוּעקן אויף פּריצענטן, דו בהמה, ווי עס פירט זיך צווישן סוחרים? ווו איז מענטשן? ווו איז אַ רבֿ? אין גאַ־טעס [54] ווילן, וואָס איז דאָס פאַר אַ תּירוץ אולטימאָ־שמולטימאָ? האָסט געקויפט סחורה, ווו איז די סחורה?! אוי, אַזאַ־נ־אומגליק! דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז פונעם אַדעס, ברענען זאָל דאָס, וועט קיין גוטס ניט אַרויס! איך שרײַב אים: פאַר־אַוועק, מענדל, טו אַ שפּײַ אויף זיי מיט זייער לאָנדאָן, עס זאָל אויף דעם קומען אַ חליראַ [55], רבונו של עולם! אַנטלויף, זאָג איך אים, אַנטלויף, מענדל, ווי זאָגט די מאַמע? אַרעמער דאַך, וואָס קנאַקסטו?... ניין, הערט ער מיך ניט, וואָרעם איך בין דאָך שיינע־שיינדל, אַז אָך און ווײ איז מיר, ניט בליומע־־זלאַטע. אוי, די מאַמע מײַנע איז טאַקע אַ חכמה! זי טענהט מיט מיר כּסדר, אַז אַ מאַן טאָר מען נישט נאָכגעבן די שמד, אַז מע באַדאַרף אַ מאַן האַלטן אין די הענט אַזוי, אַז ער זאָל פילן, אַז ער האָט אַ ווײַב! נאָר גיי, אַז ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבֿע, איך קאָן ניט זײַן אַזוי גראָב, ווי בליומע־זלאַטע; איך קאָן זיך ניט שעלטן, אַרײַנלייגן אַ מאַן אין דער ערד אַרײַן, אַזוי ווי זי, איך קאָן ניט! זאָלסט האָבן בליומע־זלאַטען, ניט דערהאַרן [56] זאָל זי, פאַר אַ ווײַב, וואָלסט דו שוין געוווּסט וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן! און וואָס דו זאָגסט מכּוח שטאַרבן, חכם איינער, ביסט דו אַ גרויסער נאַר: אַ מענטש נעמט זיך ניט אַליין דאָס לעבן, אַ מענטש נעמט זיך ניט אַליין דעם טויט. און אַז מע ווערט אָן דאָס נדן, באַדאַרף מען זיך שוין טאַקע אַ מעשׂה אָנטאָן? דו נאַר איינער, ווו שטייט דאָס דען אָנגעצייכנט, אַז מנחם־מענדל באַדאַרף האָבן געלט? שוטה! דו ווילסט גיין קעגן גאָט? זעסט דאָך, אַז ער הייסט ניט, הײַנט וואָס פילדערסט דו? אַ שיינע ריינע כּפּרה! לאָז זיך דיר דאַכטן, עלעהיי גזלנים זײַנען דיך באַפאַלן אין מיטן וואַלד, אָדער ביסט קראַנק געלעגן און חלילה פאַרקרענקט דאָס נדן צו אַלדי שוואַרצע יאָר! דער עיקר, זאָלסט ניט זײַן קיין יידענע, מענדל! פאַרלאָז דיך אויף

[54] (דייטשמעריש) גאָטס. — [55] (פּראָוו׳) כאָלערע. — [56] דערוואַרטן.

דעם וואָס לעבט אייביק, ער איז אַ זן ומפרנס. קום צו פאָרן אַהיים, וועסט דו זײַן, אם ירצה השם, אַ גאַסט בײַ די קינדער... איך שיק דיר אויף דער הוצאה עטלעכע קערבלעך, און זע, מענדל, זאָלסט נישט גיין אויף קיין לעסטאַציעס און נישט האַנדלען מיט קיין אַל־טע שמאַטעס — נאָך דאָס גייט דיר אָפּ! למען השם, באַלד ווי דו וועסט באַקומען מײַן בריוו מיטן געלט, זאָלסט דו זיך אויפזעצן און אָפּגעזעגענען זיך מיט אַדעס, און ווי באַלד דו וועסט נאָר אַרויספאָרן פון שטאָט, אַזוי זאָל עס זיך אָנצינדן פון אַלע פיר זײַטן, און עס זאָל ברענען און פלאַקערן, שׂרפֿהנען און פאַרשׂרפֿהט ווערן, ס'זאָל פון דעם ניט בלײַבן קיין שׂריד ופליט, ווי עס ווינטשט דיר פון טיפן האַרצן

דײַן באמת געטרײַע פרוי שיינע־שיינדל

А во-вторых, пишу я тебе: дурья голова, подумай, что ты натворил! Какой черт понес тебя в Одессу? Чего ты там не видал? Жареных рябчиков ему захотелось! «Лондон»! Мороженое! Бурды с лакрицей! Увидал, что «Лондон» банкротится, чего же ты вовремя не покончил с ним, согласился бы на какой-нибудь процент, как все купцы поступают! А люди где? А раввин? Господи боже мой, что это за отговорка — «ультимо-шмультимо»? Ведь ты покупал товар, куда же он девался?! Боже мой, какое несчастье! Чуяло мое сердце, что от Одессы — сгореть бы ей! — добра не будет! Я пишу ему: уезжай, Мендл, плюнь на них с их «Лондоном», чтоб его холера забрала, господи милосердный! Удирай, говорю я ему, удирай, Мендл! Как мать говорит: «Дырявая крыша, трещала б потише!» Нет, не слушает, ведь я же всего только Шейне-Шейндл, горе мне, а не какая-нибудь Блюма-Злата. Нет, моя мама умница! Она все время твердит, что мужу потакать нельзя, мужа надо держать в руках, чтобы он чувствовал, что есть у него жена! Но что поделаешь, когда у меня такой характер, не могу я быть грубой, как Блюма-Злата, не умею я мужа в гроб вгонять, как она, не умею! Была бы твоей женой Блюма-Злата, — не дожить ей до того! — тогда бы ты знал, как велик наш бог! А насчет того, что ты говоришь о смерти, умник мой, то должна тебе сказать, что ты большой дурак: не по своей воле человек родится, не по своей воле и умирает. А если даже потеряно приданое, так ничего больше не остается, как руки на себя наложить? Глупый! Где это сказано, что Менахем-Мендл должен иметь деньги? Разве с деньгами Менахем-Мендл не тот же Менахем-Мендл, что и без денег? Чудак! Против бога хочешь идти? Ты же видишь, что он не велит, чего же ты ерепенишься? Черт с ними, с деньгами! Пусть тебе кажется, что разбойники напали на тебя в лесу или ты заболел и все приданое просадил ко всем чертям! Главное, не будь бабой, Мендл! Положись на предвечного, он — всех кормящий и насыщающий. Приезжай домой, гостем будешь, дети тебя заждались... Посылаю тебе несколько рублей на дорогу, и смотри, Мендл, не ходи ни на какие «лестанции» и не торгуй старым тряпьем! Этого еще не хватало! Как только получишь мое письмо и деньги, немедленно распрощайся с Одессой. А как только ты выедешь из города, пусть он загорится со всех четырех сторон, пусть он горит, и пылает, и сгорит дотла, как желает тебе от всего сердца

твоя истинно преданная супруга *Шейне-Шейндл.*

Конец первой книги

Стр. 14. *«Стеллаж»* — биржевая операция с разными ценными бумагами, построенная на оплате курсовой разницы.

Стр. 19. *...которого прозвали «Гамбетта»* — по ассоциации с популярным в то время французским буржуазным политическим деятелем — адвокатом Гамбеттой Леоном-Мишелем (1838—1882).

***Бисмарк* фон Шейнгаузен, Отто (1815—1898) — государственный деятель Пруссии и Германии, организатор интервенции против Парижской коммуны во Франции в 1871 г.**

Стр. 20. *Восточная стена* — восточная сторона; согласно религиозной легенде — часть света, где «господь бог поместил рай», и потому места вдоль восточной стены в синагоге считаются самыми почетными. Но в модерных («хоральных») синагогах особой восточной стены нет.

***Кантор* — священнослужитель, читающий нараспев молитвы у аналоя во время синагогального богослужения.**

***...хоть и бреет бороду, но...* — Иудейской религией брить бороду запрещено.**

Талес — покрывало, которым, согласно иудейскому ритуалу, женатые евреи накрывают плечи во время молитвы.

Стр. 25. *Блейхредер* — один из крупнейших немецких банкиров того времени. Прославился тем, что накануне 1871 г. организовал для Бисмарка заем для войны с Францией.